# קרית באבוב בלעטל

שנה ה' נומער 225 פרשת שלח · תשפ"ד

**איבער אלץ און אלעמען:**
א גוט מארגן

**א בריוו פון ראש ישיבה:**
מיין שכן טוט זאכן וואס שטערן מיר

# בן חמש למקרא




קינדער בלעטל

**נייע ווינקל ב"ה**
"קינדער דערציילן מעשיות פון תפילה"
33

## אבד חסיד מן הארץ

וואס האט ר' משה זאב ע"ה איבערגעלאזט? 10



# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע:

אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, שמעון עוזר פערל, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, נפתלי הירצקא וואללנער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ש. ל. פליישמאן

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:

**718.387.2691**

subscribe@kerenhadfusa.org

לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:

**077-530-9648**

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו

chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע

בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161

136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747

breslevofficeliberty@gmail.com


**קול ברסלב: 212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169**




**בריוו צום רעדאקציע**

הערה איבער די נייעס פון עזה

6




**קרית ברסלב נייעס**

ברוכים הבאים צו די חשובע געסט

8



**היכל הקודש נייעס**

איבער הרה"ח ר' משה זאב שווארץ ע"ה

10



**מעשה פון א צדיק**

דער הייליגער בעל עגלה

18



**גראמען**

גארנישט געטון היינט

24




**קינדער בלעטל**

נייע ווינקל פון "קינדער דערציילונג" מעשיות פון תפילה"

35


## זמנים Liberty

שלח כ"ג סיון תשפ"ד

הדלקת הנרות ........08:19

מוצאי שבת ............09:50

מנחה מעריב קרת.... 09:30

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערצעצויגן

**מו"ה ליפא שווארץ הי"ו וזוגתו תחי' ריזל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל און קענען אויפציען אין שטעטל די קינדער אויפן וועג פון הייליגן רבי'ן.

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 28 | 75°/58° | | Mostly Sunny |
| Sat 29 | 77°/65° | | Showers |
| Sun 30 | 79°/51° | | Scattered Thunderstorms |
| Mon 01 | 73°/50° | | Sunny |
| Tue 02 | 76°/56° | | Partly Cloudy |
| Wed 03 | 75°/62° | | Showers |
| Thu 04 | 82°/59° | | Partly Cloudy |
| Fri 05 | 80°/59° | | Partly Cloudy |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט

**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ך ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**

YOUR TRUSTED PARTNER FOR

# Insurance Solutions



When you buy insurance through an independent broker, you get ease, choice, and advice. An independent broker that has allegiance to you as a customer and you can choose the carrier that best suits your needs.

---

## Licensed Insurance and Real Estate Broker

### THE HEILIGE REBBE SAYS

"Ein Shum Yiush B'olam Klal"

we don't give up on you so easily and neither should you!

Looking forward to helping you,

*- Simcha Salz -*

## OUR SERVICES



HOMEOWNERS



RENTERS




TRAVEL



BUSINESS



EMPLOYEE HEALTH



AUTO INSURANCE

## CONTACT US:

SALZ & ASSOCIATES LLC
212-725-9467
www.salzandassociates.com

SALZ REALTY GROUP LLC
212-725-9734
www.salzre.com

SALZ INSURANCE BROKERAGE LLC
212-725-9467
www.salzinsurance.com

## קרישקעלעך פון שבועות אין שטעטל חלק ב'

לכבוד די חשוב'ע מערכת קרית בלעטל הי"ו, בעזה"י וויל איך ממשיך זיין מיט די שיינע שיחות, זכרונות און אנעקדאטן פון די הערליכע טעג של קורות רוח וואס מיר האבן מיטגעלעבט אין שטעטל במחיצת דער ראש ישיבה שליט"א, דורכאויס די טעג פון יום טוב שבועות, יישר כח פארן אריינלייגן מיינע שורות.

•

דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם וואס אסאך צדיקים וואס זענען נפטר געווארן אין חוץ לארץ האבן נישט געוואלט מען זאל זיי אריבערפירן באגראבן אין ארץ ישראל, כאטשיג עס שטייט אזעלכע גרויסע זאכן אויף ליגן אין ארץ ישראל, צוליב דעם וואס דער זוהר הקדוש זאגט דא (פרשת תרומה, קמא ע"ב): "וְאִי הַהוּא גּוּפָא, דְּאִשְׁתְּאִיב בֵּיהּ הַהוּא רוּחַ מְסַאֲבָא, סַלְּקִין לֵיהּ לְאִתְקַבְּרָא גּוֹ אַרְעָא קַדִּישָׁא, עָלֵיהּ כְּתִיב, (ירמיה ב) וַתָּבֹאוּ וַתְּטַמְּאוּ אֶת אַרְצִי וְנַחֲלָתִי שַׂמְתֶּם לְתוֹעֵבָה", מ'זאל נישט קומען מטמא זיין די ערד פון ארץ ישראל מיט נפטרים וואס זענען נפטר געווארן אין חוץ לארץ, (עי' דברי יואל פרשת ויחי, עמ' תקטו; שו"ת דברי יציב חלק ד', סימן רכד, איבער א רעדע פון מפנה זיין דעם הייליגן רבי ר' הירש מרימנוב זי"ע קיין ארץ ישראל; ציון לנפש צבי פרק ג', אות יג).

דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט ווי דער זוהר הקדוש זאגט אז אויף די הייליגע גוף פון יוסף הצדיק האט נישט גערוט א רוח טומאה, אפילו ער איז נפטר געווארן אין חוץ לארץ. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דאס איז א מורא'דיגע התחזקות, אז אפילו יוסף הצדיק האט געהאט זיינע ביטערע שווערע נישט פשוט'ע נסיונות (עי' שער הגלגולים, תחילת הקדמה לח), מיט דעם אלעם, וויבאלד א מענטש טוט תשובה קען ער זוכה זיין צו די העכסטע זאכן.

(אזוי ווי דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט דעם צווייטן טאג שבועות ביים קידוש נאכן דאווענען, ציטירנדיג דעם מאמר חז"ל, (ירושלמי ראש השנה פרק ד, הלכה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם", מיט די הקדמה פון "דם נעכר ונעשה חלב", אז ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך צו לערנען תורה, ווערט ער א ברי' חדשה וואס האט קיינמאל נישט געזינדיגט, 'כאילו לא חטאתם מימיכם', נישט ווי איינער האט געזינדיגט און דערנאך תשובה געטון).

אביסל ווייטער זאגט דער זוהר הקדוש אז ראש השנה ווען מען איז דן די גאנצע וועלט, בעטן די נשמות רחמים אויף די לעבעדיגע מענטשן, האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז ווען דעם פארט מען צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, אז דער רבי זאל בעטן פאר אונז און אונז פארטיידיגן ביים יום הדין. (קען זיין דער ראש ישיבה האט דאס געזאגט, אביסל ווייטער ווי דער זוהר הקדוש רעדט פון די עונש פון כף הקלע, וואס דאס איז עולם התוהו, אז ווען דעם קומט מען צום רבי'ן אין די דריי צייטן, ראש השנה, שבת חנוכה און שבועות, ניצול צו ווערן פון דעם).

דערנאך ברענגט דער זוהר הקדוש דער ענין פון דאס אויסטיילן די קוויטלעך הושענא רבא ביינאכט, דער ראש ישיבה האט גערעדט פון די פחד וואס מענטשן האבן הושענא רבא ביינאכט צו קוקן אויב זיי האבן א שאטן אדער נישט, אז אין די יונגע יארן האט ער זייער מורא געהאט צו שלאפן יענע נאכט אין די סוכה, ווייל מ'קען זייער גרינג אנזען די שאטן וואס ווערט דורך די שיין פון די לבנה וואס שיינט אדורך די סכך, מן הסתם האט אים דאס א רבי אדער מגיד שיעור אריינגעלייגט אויף זייער א שרעקעדיגע אופן.

דער ראש ישיבה האט געענדיגט דעם הערליכן שיעור מיט די ווערטער וואס דער זוהר הקדוש זאגט: "אָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן, זַכָּאִין אַתּוּן בָּנַי, וְזַכָּאָה אֲנָא דְּעֵינַי חָמוּ בְּכַךְ", וואויל איז ענק מיינע קינדער, און וואויל איז מיינע אויגן אז איך האב ענק געזען, וכו'.

דא האט זיך דער ראש ישיבה אפגעשטעלט און געמאכט א לאנגע סטאנציע, איבער דער ענין פון אויפהייבן די קינדער און תלמידים, רעדן שיין, אויסלויבן און אויסרימען. דער ראש ישיבה האט געזאגט: "וועלכע ניגון מ'זינגט - אזוי וועט זיין, אז מ'זינגט א שיינע ניגון וועלן די קינדער אויפוואקסן גוט", און ח"ו פארקערט וכו', דער ראש ישיבה האט דאס געזאגט לגבי חינוך, אז אויב מ'זינגט אינדערהיים א שיינע ניגון, א גוטע ניגון, אז די קינדער זענען פיין, די קינדער זענען וואויל, וועלן זיי אזוי אויסוואקסן; אפילו עס איז נאכנישט אינגאנצן אזוי...

האט א מלמד וואס איז געווען אנוועזנד געפרעגט: "וויפיל מאל קען מען זאגן פאר א קינד וואס דאווענט נישט אז ער דאווענט אזוי שיין?" האט דער ראש ישיבה געפרעגט: "וואס

"הייסט ער דאוועגט נישט?" האט דער מלמד געזאגט: "ער האלט דעם סידור אפן און ער דמניון'ט..." האט דער ראש ישיבה געזאגט: "און ווי אזוי קוקט אויס אונזער דאווענען...?" און דער ראש ישיבה האט נאכגעזאגט שיחות הר"ן (סימן קכא), ווי דער רבי האט געזאגט: "שֶׁתְּפִלָּה שֶׁלָּכֶם בְּכֹחַ הוּא כְּמוֹ שֶׁמָּשַׁכְתִּי אֲנִי אֶת הַחֶבֶל עִם הָאַנְקִיר כְּשֶׁהָיִיתִי עַל הַסְּפִינָה", ווען ער איז געווען אויף שיף איז געווען איינמאל וואס מ'האט געהייסן אלע רייזנדע שלעפן די שטריק, אבער דער רבי האט געזאגט אז ער האט נישט געשלעפט די שטריק, ער האט זיך נאר געמאכט ווי ער שלעפט דאס, אזוי איז אונזער דאווענען.

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז ער האט געהאט זייער א קלוגע באבע, מרת רחל לאה טייטלבוים ע"ה (אשת הרה"צ רבי אלחנן חיים זצ"ל), זי איז באמת געווען א קלוגע פרוי, ער באטילט איר נישט אזוי סתם לשם טיטל... במשך די זומער וואכן האט זי זיך אויפגעהאלטן אין די סאטמערע אינגל קעמפ אין נעפענעק, (דער ראש ישיבה האט באטאנט אז הרה"ח רבי יודל ראזענבערג ע"ה מנהל פון קעמפ האט געפירט די קעמפ זייער ערליך, נעמליך, די אלע וואס האבן געהאלפן אויפשטעלן די מוסדות, האט ער געלאזט פארבלייבן אין די עלטערע יארן אין קעמפ, אפילו זיי האבן שוין נישט געארבעט), האט דער ראש ישיבה דערציילט אז זיינע חשוב'ע עלטערן שיחיו האבן אים געזאגט, אז ער זאל יעדן טאג גיין באגריסן די באבע רחל לאה, און אזוי האט ער געטון. האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער האט ליב געהאט צו בורדענען, ער האט נישט געהאלטן צופיל ביים לערנען, אבער זיין באבע איז געווען גאר קלוג, און אנשטאט אים מוסר'ן ער זאל לערנען, פלעגט זי אים שטענדיג זאגן: "יואל'יש לערן נישט צו פלייסיג... מאך זיכער זיך אויך צו שפילן..." ודפח"ח.

אויך האט דער ראש ישיבה געזאגט אז די באבע, ווען זי האט געקענט, האט זי אויסגערימט און זיך געטשאטשקעט מיט אירע קינדער און אייניקלעך, וואסערע ספעציעלע וואוילע און ערליכע אייניקלעך זי האט, ווען זי האט נאר געקענט און פאר וועם זי האט נאר געקענט, און אז מ'זינגט אזא ניגון... האט זי זוכה געווען צו הונדערטער אייניקלעך און אור אייניקלעך ערליכע אידן, מרביצי תורה.

דערנאך איז דער ראש ישיבה אויך אריין אין א שמועס וועגן די ניגון ארום געלט, אז די קינדער וואקסן נישט אויף געזונט אויב מ'זינגט אין שטוב די ניגון אז ס'איז נישטא קיין געלט, און פון וואו מ'וועט האבן געלט און אזוי ווייטער.

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז ער האט תלמידים, געלונגענע אינגעלייט, מיט א פאך אין די האנט, וואס האבן נישט די שטארקקייט צו גיין אליין און עפענען א ביזנעס, נאר ווילן ליבערשט בלייבן שווער ארבעטן פאר א בעל הבית, דאס קומט ווייל זיי האבן אין זיך אן איינגעבאקענע פחד פון געלט, זיי מוזן וויסן אז זיי באקומען זייער וועכנטליכע/חודש'ליכע געהאלט, אפילו עס קומט זיי נישט אן גרינג, דאס קומט ווייל זיי זענען אויפגעוואקסן אין א שטוב ווי מ'האט געזינגען דעם באזארגנדיגע ניגון "וואס וועט זיין? פון וואו וועט זיין געלט?" וכדומה.

לאור זאת האט א אינגערמאן געפרעגט אז זיין קינד וואס איז געבענטשט ברוך השם מיט א גוט קעפל אינטערעסירט זיך ביי יעדע זאך וויפיל ס'קאסט, און וויל פינקטליך מיטהאלטן די הוצאות און הכנסות, וואס מ'קען זיך יעצט יא ערלויבן צו קויפן און וואס נישט, אויב עס איז גוט דאס צו מיטטיילן מיטן קינד אדער ענדערש נישט, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "א קינד מעג וויסן פאקטן, צום ביישפיל אויב א טאטע האט נישט קיין קאר, טארן די קינדער נישט וויסן אז דער טאטע האט נישט קיין קאר...? עס איז די ניגון וואס מ'זינגט ארום די פאקטן..."

המשך יבוא בעזרת השם קומענדיגע וואך.

איך האב געוואלט דערמאנען א פרייליכע פאסירונג וואס האט זיך נארוואס אפגעשפילט אין אונזער הערליכע קהילה היכל הקודש, מעגליך אז נישט יעדער האט דאס אויפגעכאפט, אבער דאס איז באמת א פרייליכע אנטוויקלונג, און איז ווערד צו ווערן אפגעצייכנט.

דער הייליגער רבי ברענגט (ליקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן מח) אן אינטערעסאנטע זאך, עס איז דא א בוים וואס רופט זיך "דער הונדערט יאר בוים", און מן הסתם דורכאויס די הונדערט יאר וואס עס וואקסט גייט אויף איר דורך וואס עס גייט דורך, און ביים סוף פון די הונדערט יאר שיסט עס אויס מיט א הויך קול, ווי א אויפרייס פון א באמבע.

[אגב, דורך די תורה, זענען מקורב געווארן צוויי חשוב'ע מקורבים הרה"ח רבי ברוך אפרים זצ"ל און זיין חבר הרה"ח רבי מענדל ליטוואק זצ"ל, וועלכע זענען געווען חוזרים ביים

# בריוו צו די רעדאקציע

הייליגן צמח צדק פון ליובאוויטש זי"ע, צום טשערינער רב זי"ע און צו רבי נחמן טולטשינער זי"ע].

על כל פנים, ראש השנה ארום שנת תשפ"א, וואס איז געווען צוויי הונדערט יאר פון רבינ'ס הסתלקות (י"ח תשרי, תקע"א), האט מוהרא"ש זכותו יגן עלינו גערעדט ביי איינע פון די דרשות פון דעם תורה פון רבי'ן, און געזאגט אז דאס מיינט מען די צוויי הונדערט יאר פון רבי'ן (הונדערט יאר וואס עס וואקסט, און נאך הונדערט יאר וואס נאכדעם שיסט עס אויף), וואס מ'זעט יעצט ווי דעם רבינ'ס זאך ווערט אזוי שטארק פארשפרייט אין די וועלט, ממש אן אויפרייס.

די תורה מיט די ביאור פון מוהרא"ש זי"ע איז מיר אויפגעקומען אויפן געדאנק נאכן באמערקן אז די וועכנטליכע קונטרס עצתו אמונה מתורגם, איז נארוואס אנגעקומען צום 200'סטן קונטרס!

עס איז נישט צום באשרייבן וויפיל כח און מח, צייט און געלט די חשוב'ע משפחת מוה"ר שמעון עוזר פערל שיחי' האבן שוין אריינגעלייגט בעבר און לייגן אריין בהוה און דער אייבערשטער זאל העלפן אויף לעתיד, אין דעם הערליכן קונטרס אז עס זאל נישט ווערן פארענדערט פון די ווערטער פונעם ראש ישיבה, זיין געטריי צו יעדעס ווארט פונעם ראש ישיבה, אבער פון די אנדערע זייט זאל זיך עס ליינען געשמאק און ציענדיג.

און מ'זעט באשיינפערליך די אויפרייס וואס דאס האט אנגעמאכט אין ארץ הקודש, ווי מער און מער אידן פון אלע שיכטן און קרייזן ליינען מיט דארשט די הערליכע קונטרסים, מעשה ידיהם להתפאר.

ווי אויך געבן זיי זיך אפ מיטן דרוקן די ספרי עצתו אמונה, ווי זיי האבן זיך אריינגעלייגט בעובי הקורה צו טרעפן די פאסיגע פארבריקן וואו צו דרוקן די הערליכע ספרים דערביי שפארנדיג שווערע געלטער אז מ'זאל טרעפן די בעסטע פרייזן פאר די בעסטע קוואליטעט, אשרי להם.

דער אייבערשטער זאל זיי געבן ווייטער די כחות און מעגליכקייטן צו העלפן ווייטער דער ראש ישיבה שליט"א פארשפרייטן דעם הייליגער רבי'ן אין די גאנצע וועלט, מיט אלע מעשים טובים וואס זיי טוען, און בפרט אין ארץ הקודש.

*יואל שניצלער, קרית ברסלב*

## איבער די נייעס פון די משכונות

צום ערשט וויל איך זיך זייער באדאנקען אויף די הערליכע שיינע בלעטל וואס איר געבט ארויס וואך נאך וואך, פול מיט שיינע אינטערעסאנטע רייכע תוכן פאר יעדן.

איך וויל באמערקן מיט ווייטאג אויף די באשרייבונג פון די באפרייטע משכונות וואס ליידן ליידער פון שטאקאלם סינדראם מחלה, פון פארגאנגענעם פרשת בהעלותך.

די באשרייבונג מיטן מוסר השכל וואס אייך ברענגען ארויס איז אויסטערליש שיין און ריכטיג, אבער עס האט מיר אביסל געציפט ליינענדיג די ארטיקל. עס האט געהאט אביסל א ציוני'סטישן פנים.

עס קען זיין אז פאר אנדערע וואס וואוינען נישט אין ארץ ישראל שטערט נישט די וועג ווי עס איז ארויסגעברענגט געווארן די גאנצע געשיכטע, די וועג ווי אזוי מען האט אויספלאנירט די אפעראציע און ווי אזוי עס איז ארויס לפועל מיט אלע אלע אינזיכטן. אבער אלס איינוואוינער פון ארץ ישראל האט מיר זייער געבאדערט די צוגאנג צום ענין, עס ליינט זיך אביסל ציוני'סטיש.

עס וואלט געפאסט פארן מערכת צו אראפברענגען די טעכנישט שטיקלעך אביסל מיט א פאראיבל און א ווייטקייט, נישט שרייבן "די מיליטער" "מען האט" וכו' ליינענדיג די שטיקלעך האב איך געשפירט ווי עס האט ממש אויסגעפעלט צוזאמנעמען עטליכע יונגעלייט פון ביהמ"ד אראפגיין העלפט "די מיליטער" "מען זאל" קענען גרינגער אפערירן און זיך אן עצה געבן דארטן אין עזה.

בפרט ווען די גאנצע אפעראציע איז געטון געווארן תוך חילול שבת בפרהסיא ובריש גלי. וואלט זיכער געווען ריכטיג ארויסצוברענגען א פאראיבל פון די פארשאלטענע מדינה של גיהינום. בפרט אין אזלעכע שווערע תקופות וואס ער הערשט א מורא'דיגע בלבול המוחין ארום די גאנצע ענין פון ציונות. מלחמות און כח ועוצם ידי.

א גרויסן יישר כח

*יצחק פאפנהיים - ירושלים*

איבער
# אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

האט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



## א גוט מארגן

### שאלה: וואס איז פשט וואס מען גריסט זיך אויף אידיש "גוט מארגן" און נישט "גוט היינט"?

**ענטפער:** דער פשוטער ענטפער ליגט אין די באדייט פונעם ווארט "מארגן", היינטיגע צייטן באדייט געווענליך דאס ווארט "דער קומענדיגער טאג", אבער אמאל האט עס געמיינט ווי מען וואלט היינט געזאגט "אינדערפרי". אין די פריערדיגע גילגולים פון אידיש, ווען עס איז געווארן נאכט, און מען האט געוואלט זאגן אז ווען עס וועט ווערן ליכטיג וועט מען עס טון, האט מען געזאגט "מען וועט עס טון מארגן", וואס האט באדייט "מען וועט עס טון אינדערפרי", און ווען עס איז געווארן ליכטיג, האט מען זיך באגריסט "א גוט מארגן", וואס האט באדייט "א גוטן אינדערפרי", פונקט ווי מען גריסט זיך ווען עס ווערט נאכט "א גוטע נאכט".

אבער ווי דער סדר ביי שפראכן גייען, אז מיט די צייט ווערט עס אנטוויקעלט דורכדעם וואס מענטשן קומען און גייען פון נייע פלעצער, האט עס אנגענומען אן נייע באדייט, ווייל דער זאץ "מען וועט עס טון מארגן" האט אויסגעזען כאילו מען זאגט אז "מען וועט עס טון דער קומענדיגער טאג", און היינט פארשטייט מען שוין נישט פארוואס מען גריסט זיך "גוט מארגן".

עס זענען נאך דא אסאך ווערטער וואס האבן מיטגעמאכט אן ענליכער גורל, צוםביישפיל א משל וואס דער ראש ישיבה האט אמאל דערמאנט דאס ווארט "באלד", עס איז דא א באוויסטע ניגון וואס טייל זינגען פסח נאכן סדר "אלמעכטיגער גאט" וואס איז געשריבן אויף "אלט אידיש" מען זינגט דארט "אלזא שיר און אלזא באלד און אונזער טאגן שירה"; וואס מיינט דאס אז מען בעט דעם אויבערשטן אינעם ליד אז משיח זאל קומען "באַלד - אביסל שפעטער"? נאר אין אלט אידיש האט "באלד" געמיינט אזוי ווי אין היינט אידיש "שוין", אבער פונקט ווי היינט מענטשן זאגן ליידער מענטשן אפט "איך קום שוין" און עס מיינט "אביסל שפעטער", זעט אויס אז דאס איז אויך געווען אמאל, און צוביסלעך האט דאס ווארט "באלד" זיך געטוישט אין באדייט צו טאקע דאס, און "שוין" האט איבערגענומען איר ארט.

אמאל מיינט א מענטש וואס איז שוין "איך האב סתם עפעס געזאגט", אבער א מענטש דארף וויסן אז א ווארט האט א גרויסע כח. א איד דארף זיך איינגעוואוינען צו רעדן אן איידעלע שפראך, נישט נוצן פאר קיין געלט אויף די וועלט קיין שלעכטע "לעיבל" אויף א צווייטן, און חס ושלום קיינמאל נישט שעלטן, אדער נוצן מיאוסע אויסדרוקן, און ווער רעדט נאך פון ניבול פה חלילה. א מענטש דארף זיך אזוי שטארק צוגעוואוינען צו רעדן איידל, און א מענטש איז דאך נאר א מענטש, און אפילו אין די זעלטענע פעלער ווען ער ווערט שוין יא חס ושלום גערעגט זאל עס ארויסקומען מיט א ברכה "געבענטש זאלסטו זיין", "קום שוין אהער פאר א גוט יאר", "חכם וואס דו ביסט", און אזוי ווייטער.

ווען מען זאגט פאר א מענטש וואס איז נישט צוגעוואוינט צו רעדן שיין און געבן קאמפלימענטס ער זאל עס אנהייבן צו טון, קען צומאל זיין די רעאקציע "עס קומט נישט ארייין", "סתם זאגן 'איך האב דיך ליב'", "ס'א בעיבישע זאך". אמת אמת, אבער מיין טייערע חבר, קריטיקירן, און רעדן נעגאטיוו וואס דו טוסט יעדן טאג ביי יעדע געלעגענהייט קומט אסאך מער נישט אריין, און סתם זאגן "פארוואס קענסטו זיך נישט צוזאם נעמען" איז אסאך מער א בעיבישע זאך, אויב מיר פירן זיך סייווי אויף ווי בעיבי'ס, לאמיר כאטש בויען וועלטן.

אז מען רעדט שוין פון גריסן א גוט מארגן, איז וויכטיג צו באטאנען דאס וואס דער ראש ישיבה רעדט שטענדיג פון אויפנעמען שיין יעדן איד וואס קומט אריין אין בית המדרש היכל הקודש, בפרט אין שטעטל - וואס דארט קומען כסדר אריין אידן פון אלע קרייזן און שיכטן, ווייל דער בית המדרש איז געווארן אזא צענטראלע בית המדרש ווי מען קען טרעפן א מנין שחרית יעדן טאג, אנגעהויבן פון זיבן אזייגער אינדערפרי ביז חצות - איז זייער וויכטיג צו באגריסן יעדן איד מיט א פריינטליכע גוט מארגן, אז ער זאל געדענקן דעם געשמאקן גוט מארגן פארן גאנצן טאג, און אזוי אויך זאל ער זען אז אין ברסלב פירט מען זיך אויף מיט א געוואלדיגע דרך ארץ צו א צווייטן איד, וואס דאס וועט אים שוין ברענגן ער זאל וועלן מער ארייינקיקן אין די קונטרסים וואס די מפיצים טיילן שטענדיג אויס.

**החיים והמות ביד הלשון**

# מיר ענטפאנגען אלע חשובע געסט מיט א הערצליכן ברוכים הבאים




## חומש סעודה אין שטעטל




פארגאנגענעם זונטאג שלח איז פארגעקומען די מעמד החומש סעודה אין תלמוד תורה קרית ברסלב, מיט די באטיילונג פון אלע חשובע עלטערן, ווי אויך זיידעס און באבעס. עס האט זיך אנגעהויבן ווען די לעכטיגע קינדערלעך האבן אריינמארשירט אנגעטון מיט די הערליכע קרוינען אויפן קאפ, ממש ווי בני מלכים.

די קינדער האבן געזונגען ווארימע שיינע תורה ניגונים, דער מלמד מו"ה בערל שניטצלער הי"ו האט געגעבן די געלעגענהייט פאר יעדן קינד עקסטער צו זינגען סאלא און ארויסברענגען זיינע טאלאנטן וואס ער האט. עס האט געהאט אלע טעמים צו זען די תמימות וואס די קינדער האבן, ווי זיי זינגען אזוי תמימות'דיג אז "די תורה איז מיין לעבן", און "תורה איז די בעסטע סחורה אויף דער וועלט", און אזוי ווייטער.

דער חשובער מנהל מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א האט געעפענט דעם מעמד ארויסברענגענדיג א דאנק פארן חשובן מלמד וואס לייגט אריין אזויפיל כוחות אין די קינדער יעדן איינציגן טאג.

דערנאך האט דער מנהל שליט"א מכבד געווען דעם דיין שליט"א - וואס האט א קינד אין כיתה א' צו רעדן אפאר ווערטער. דער דיין שליט"א האט ארויסגעברענגט אז רבי שמעון האט געזאגט כי לא תשכח מפי זרעו, אויב איז דא קינדער וואס לערנען די הייליגע תורה, וועט די תורה נישט פארגעסן ווערן פון אידן. און דאס איז די געוואלדיגע שמחה וואס מען האט דא יעצט, אז מען זעט ווי מען גיבט אריין די קינדער א געשמאק צו לערנען תורה, און דאס ליב האבן מיט די גאנצע הארץ. די קינדער בלייבן נישט קיין קינדער, זיי וועלן עלטער ווערן איין טאג, און בלייבן מיט דעם געשמאק פון ליב האבן די תורה מיט די מצות.

דערנאך האט דער מנהל שליט"א מכבד געווען מו"ה אהרן

וועבערמאן שליט"א - וואס האט צוויי אייניקלעך אין כיתה א' צו רעדן אפאר ווערטער. ר' אהרן האט ארויסגעברענגט דאס וואס מען זעט אין די סדרה אז די מרגלים האבן זיך נישט אפגעלערנט פון די פרשה פון מרים אז מען טאר נישט רעדן קיין לשון הרע אויף צדיקים. ברוך השם דא זעט מען אז מען טוט דאס פארקערטע, מען לייגט אריין אין די קינדער א געשמאק צו די תורה וואס איז געגעבן געווארן דורך משה רבינו, און אונז גיימיר ווייטער אויף דעם וועג פון אריינלייגן אין די קינדער אז זיי זאלן האבן אמונת חכמים. מען לעבט מיט דעם אני מאמין באמונה שלימה שכל התורה המציה עתה בידינו למשה רבינו עליו השלום.

דענאך האט דער חשובער מלמד מו"ה בערל שניטצלער הי"ו גערעדט אפאר ווערטער, ארויסברענגענדיג די דאנק צום אייבערשטן אז מען האלט שוין דא סוף יאר, וואס מען קען שוין ענדליך זען די נחת פון די חשובע קינדער, ווי גוט זיי לערנען די עברי, און ווי גוט זיי קענען דאס ברוך השם. ווי אויך האט ער געדאנקט אלע עלטערן וואס פארשטייען די חשיבות פון איבערגיין די עברי מיט די קינדער, וואס דאס מאכט אז מען זאל דאס קענען גוט פאר א גאנץ לעבן.

דערנאך האט מען אויסגעטיילט פאר יעדן קינד א סידור אויסגעקריצט די נאמען דערויף, מיט א פעקל.

ביים סוף האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א פרייליכן טאנץ, די טאטעס, זיידעס צוזאמען מיט די קינדער, זיך פרייען צוזאמען פאר די גרויסע זכי' וואס מען האט אז מען שיקט די קינדער אין חדר, און מען ציעט זיי אויף אויפן וועג פון די תורה, אזוי ווי דער הייליגער רבי לערנט אונז.

אין יאר תשע"ח ביים חומש סעודה האט דער ראש ישיבה ארויסגעברענגט א שבח פארן אייבערשטן און געזאגט: ווער האט געקענט אמאל טראכטן אז מיר וועלן האבן אזא שיינע תלמוד תורה וואו קינדער וואקסן אויף מיט אמונה פשוטה; א תלמוד תורה וואס די קינדער האבן ליב צו קומען אין חדר, קינדער וואס לעבן מיטן רבי'ן און קינדער וואס גייען הפצה; דארפן מיר ווייטער בעטן דעם אייבערשטן: "עַד הֵנָּה עֲזָרוּנוּ רַחֲמֶיךָ, וְלֹא עֲזָבוּנוּ חֲסָדֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ, וְאַל תִּטְּשֵׁנוּ ה' אֱלֹקֵינוּ לָנֶצַח", ער זאל אונז ווייטער העלפן מיר זאלן קענען מגדל זיין אונזערע קינדער מיטן הייליגן רבינ'ס לימודים.

דער אייבערשטער זאל העלפן דער ראש ישיבה זאל האבן כוח ווייטער צו ממשיך זיין מיט די הייליגע ארבעט פון מחנך זיין אונזערע קינדער אויף דעם הייליגן וועג פון ליבן אידישקייט, ליב האבן מצות.

## כי טוב סחרה מכל סחורה

## ברוכים הבאים צו אלע חשובע געסט



ווי יאר יערליך טוען זיך אסאך פאמיליעס פון שטאט אריבערציען צו די בערג, זיך אביסל אויסלופטערן צווישן די גראז אוןביימער, און אוועקלויפן פון די אויסגעלאסענע גאסן וואס איז דא ליידער אין די זומער טעג.

ביי אונז אין היכל הקודש קומען אויך צוגיין אסאך משפחות ארויף צו די בערג, אסאך גייען צו מחנה אילן החיים וואס דער ראש ישיבה האט ברוך השם אפגעקויפט מיט די הילף פון אנשי שלומינו וואס האבן געהאלפן מיט געלט. אויך איז דא משפחות וואס קומען צום שטעטל פאר די זומער טעג.

דער ראש ישיבה מיט די בחורים וועלן ווילן אין שטעטל מיטן אייבערשטנ'ס הילף. דאס וועט זיין די זעכצענסטע יאר וואס די ישיבה גייט ארויס מיט די בחורים זומער צו די בערג.

די זומער חדשים איז גאר א גוטע צייט וואס די קינדער און די בחורים זאמלען זיך אן פרישע כוחות פאר די גאנצע יאר, סיי מיטן טאנצן און שפרינגן, און סיי מיטן קענען זיצן און לערנען אינטערן שאטן פון די בוים.

די אלע וואס האבן געלערנט אין ישיבה געדענקן נאך גוט די לעבעדיגע דרשות וואס מען האט געהערט פונעם ראש ישיבה יעדן זומער, וואס דאס בלייבט איינגעקריצט פארן גאנצן לעבן, און ברוך השם אז דאס גייט נאך ווייטער אן, דער ראש ישיבה קומט ארויס מיט די בחורים, און וועט ווייטער אריינלייגן אין זיי דעם וועג וויאזוי זיך צו פירן א גאנץ לעבן.

## ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רנה

# היכל הקודש
# נייעס



אמעריקע

## חסידי ברסלב באווייַנען די פטירה פון הרה"ח ר' משה זאב שווארץ ע"ה

מיט א שווערן הארץ און טיפער צער, האבן אנשי שלומינו אויפגענומען די שווערע בשורה איבער די פטירה פון הרה"ח ר' משה זאב שווארץ ע"ה, וועלכער איז אוועק פון דער וועלט אין עלטער פון 67 יאר. ר' משה זאב ע"ה איז געווען א באשיידענע ברסלב'ע חסיד, באליבט און געשעצט ביי אלע וואס האבן אים געקענט.

דער נפטר ע"ה איז געווען א לעבעדיגער ביישפיל פון אמונה און שמחת החיים. ווען טראץ זיין שווער לעבן, האט ער קיינמאל נישט געהאט קיין טענות אויפן אייבערשטן, נאר איז אלץ געווען פרייליך און מחזק געווען אלע זיינע ארומיגע.

אין א שמועס מיט זיין חבר מו"ה שאול חיים איינהארן הי"ו האט ער ארויסגעברענגט דאס וואס ר' משה זאב האט אויפגעגעבן זיין שטודיעס וואס ער האט זיך געלערנט אין שולע, נאכדעם וואס ער איז אנגעקומען צו מוהרא"ש, און ער האט גענומען א פשוטע ארבעט פון העלפן אידן וואס קענען נישט זיך אליין באוועגן רח"ל, ער האט זיי ארויסגעהאלפן מיט די גאנצע הארץ און נשמה מיט אלע זייערע באדערפענישן. און דערצו האט ער נאך אוועקגעגעבן אסאך צייט צו איבערטייטשן די קונטרסים אין ענגליש.

ר' משה זאב ע"ה האט אויסגענוצט זיין שרייבן טאלאנט איבערצושרייבן הונדערטער קונטרסים פון מוהרא"ש זי"ע אויף ענגליש. די ענגלישע קונטרים זענען געשריבן געווארן גאר געשמאקע און פראפעסינאל, וואס האט צוגעצויגן די ענגליש-רעדנדע אידן אויך צו נעמען און טרונקען פונעם שפרודלדיגן קוואל פון הייליגן רבי'ן. אלע וואס האבן נאר געליינט זיינע איבערגעזעצטע קונטרסים, האבן געהאט א הרהור תשובה און זענען געווארן נענטער צום אויבערשטן.

פאר אפאר יאר האט ר' משה זאב ע"ה געליטן פון א שווערע הארץ אטאקע רחמנא לצלן, ער האט זיך גאר שטארק געמוטשעט, אבער ער האט קיינמאל נישט זיך אפגערעדט אז עס גייט אים עפעס נישט גוט, ער האט געהאט זיין באקאנטן שמייכל אויפן פנים אלעמאל אין יעדן מצב.

ער איז געפארן צום רבי'ן אויף ראש השנה אפילו אין די יארן וואס ער האט זיך גאר שטארק געמוטשעט מיט די געזונט, ער האט געדארפט טון געוויסע שווערע זאכן מיט זיין גוף כדי ער זאל קענען פארן, ער האט דאס געטון מיט א שמחה, ווייל ער האט גאר שטארק געוואלט מקיים זיין דאס וואס דער רבי' האט געבעטן אז מען זאל קומען צו אים אויף ראש השנה.

די אלע זכותים קומען יעצט אנטקעגן ר' משה זאב ע"ה ווען זיין נשמה קומט ארויף אין הימל. מיר ווילן זיך פארנעמען צו גיין אין זיינע וועגן, אויסנוצן יעדע מעגליכקייט זיך צו שטארקן אין אמונה און שמחת המצוות, און העלפן יעדן איד אויף יעדע מעגליכע וועג.

**הרה"ח ר' משה זאב בן מו"ה שמואל שלמה ע"ה**



**אלעד**

## היכל הקודש אין שטאט אלעד - א פארבריק פון הפצה

אין אלעד, א שטאט אין צענטער פון ארץ ישראל, גייט אן הערליכע אינגע קהילת היכל הקודש וואס שפרודעלט מיט הפצה און חיזוק. די גאנץ קורצע היסטאריע האט זיך אנגעהויבן מיט מו"ה נח לעווין הי"ו, וואס האט מיט נישט מער פון צוויי יאר צוריק אנגעהויבן פארשפרייטן די גליונות און קונטרסים פון ראש ישיבה אין די שטאט, ער איז געגאנגען אליינס, אן וויסן פון נאך אנשי שלומינו אין שטאט. פאריאר בשעת'ן מפיץ זיין האט ער באגעגנט א אינגערמאן מו"ה חיים יאקאבאוויטש הי"ו, וואס האט אים געזאגט אז ער הערט די שיעורים, און זינט דאן האבן זיך זיך כסדר צוזאמען מחזק געווען און געארבעט אינאיינעם.

אביסל שפעטער איז צוגעקומען א פרישע אינגערמאן, מו"ה משה וויינבערגער הי"ו פון אשדוד, וואס האט חתונה געהאט און זיך באזעצט אין אלעד. ער פלעגט פריער כסדר זיין קיין בראכפעלד, וואו עס איז איז דא א געשמאקע חבורה פון אינגעלייט אנשי שלומינו, און צוזאמען מיט די אנדערע האט ער ארגאניזירט אז מען זאל זיך צוזאמען קומען הערן די שיעורים פון ראש ישיבה יעדע דינסטאג. אזוי זענען צוביסלעך צוגעקומען נאך אינגעלייט, ביז מען האט זיך דערזען מיט איבער א מנין.

מ'האט אפגעדינגען א פלאץ וואו מען האט אנגעהויבן פראווען שלש סעודות און מעריב, און מען האט זיך מחזק געווען. יעדע סיום און אנדערע געלעגנהייטן זענען געפראוועט געווארן אינאיינעם, ביז מ'האט געזען עס איז צייט צו האבן א בית המדרש פאר זיך. מ'האט אפגעדינגען א שיינע בית המדרש אויף רחוב רבי יוסף קארו, אנפאנג איז טאקע געווען שווער, ווייל נישט יעדער וואוינט אזוי נאנט צו פיס צו קענען קומען שבת. אבער יעצט איז שוין ברוך השם די מנין גוט אוועקגעשטעלט פאר אלע תפלות שבת קודש.

אין אלעד מאכן אלע הפצה, קיינער שלאפט נישט, דא איז א לעבעדיגע חבורה. יעדער פארט ארום מיט די קארס מאכן הפצה פון הויז צו הויז, און מען פארשפרייט די שיעורים ביי די אינטערסעקשאנס און אין אנדערע פלעצער.

ווען דער ראש ישיבה איז געווען אין ארץ ישראל פארגאנגענעם ל"ג בעומר, האט מען אים געפרעגט צי מען זאל מאכן א ברכת הבית מאגנעט, וואס זאל אויף האבן אויף זיך די נומער פון די האטליין, מיט א באר קאוד פון די חיזוק יומי. וויבאלד מאגנעטן זענען זייער פאפולער אין אלעד, און דער ראש ישיבה האט צוגעשטימט און געזאגט, אז מען מאכט שוין זאל מען עס מאכן זייער שיין. ברוך השם עס איז שוין אנגעקומען עטליכע טויזנט שטיק. כאטש דאס איז נישט גענוג פאר די גאנצע שטאט, וועט מען באגענוגען יעצט מיט וויפיל מען האט, און מען וועט דאס פארשפרייטן אין אלע זייטן.

א חשובער אינגערמאן אין אלעד מאנשי שלומינו, מו"ה אברהם זייוואלד הי"ו, איז ארויפגעקומען מיט א נייע געדאנק, פון וואס דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט. ער האט געלאזט מאכן שיינע "קאר שמעקערס", וואס האט אויף זיך די נומער פון קול ברסלב. ער טיילט עס ארום און מאכט הפצה. ער האט געברענגט דערפון צוואנציג טויזנט שטיק, און עס גייט זייער גוט.

יעדע ערב שבת קודש ליגט פעקלעך פון גליונות אין שול וואו אלע אנשי שלומינו קומען אפנעמען זייער פעקל, און עס איז נישטא קיין שול אין אלעד וואס באקומט נישט קיין גליונות. אויך באקומען עס פילע משפחות אויף די פאסט.

היכל הקודש אין אלעד איז א הערליכע וואונקל פון הפצה און חיזוק פאר די גאנצע אומגעגענט.

**אנן בחביבותא תליא מילתא**

# מַיין שָׁכֵן טוּט זַאכְן וָואס שְׁטֶעְרְן מִיר.



## שאלה

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

**אִיךְ הָאבּ אַ שָׁכֵן וָואס הָאט לֶעצְטְנְס גֶעקוֹיפְט אַ הוֹיז, וָואס אִיז בַּאהָאפְטְן צוּ מַיין הוֹיז, אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן טוּעֶן אוּמְלֶעגַאלֶע זַאכְן וָואס שְׁטֶעְרְן מִיר זֵייעֶר. עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעבּוֹיעֶט אִין פָארְנְט מֶער וִוי עֶרְלוֹיבְּט, אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעלֵייגְט פוּן הוּנְטְן אַן עִירְקָאנְדִישָׁאן וָואס בְּלָאזְט אַרַיין דִי הֵייסֶע לוּפְט צוּ דִי הוֹיף הוּנְטֶער מַיין הוֹיז.**

**מַיין שְׁאֵלָה אִיז צוּ אִיךְ מֶעג אִים עֶפֶּעס זָאגְן דֶערְוֶועגְן, אָדֶער זָאל אִיךְ עֶנְ־דֶערְשׁ פְּרוּבִּירְן צוּ פַארְמַיידְן מַחְלוֹקֶת אוּן אִים גָארְנִישְׁט זָאגְן, כָאטְשׁ וָואס מַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר נִישְׁט צוּפְרִידְן אַז אִיךְ רוּף זִיךְ גָארְנִישְׁט אָן וֶועגְן דֶעם.**

**וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ הַאנְדְלֶען אִין אַזַא מַצָּב?**

**יְיַשֵּׁר כֹּחַ**

## א בריוו פון דער ראש ישיבה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח,**
**כ' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָּבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיבּ דוּ הָאסְט אַ טַעֲנָה אוֹיף דַיין שָׁכֵן, וִוי לְמָשָׁל אַז עֶר הָאט גֶעלֵייגְט זַיין עִירְקָאנְדִישָׁאן מַאשִׁין נֶעבְּן דַיין שְׁטוּבּ וְכוּ', זָאלְסְטוּ גֵיין מִיט אִים צוּ אַ רָב אוּן דֶער רָב זָאל פַּסְקְ'נֶען אַ דִין תּוֹרָה וָואס דִי הַלָכָה אִיז.

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַ טָעוּת, מֶען קוּקְט אָן דָאס גֵיין צוּ אַ דִין תּוֹרָה וִוי אַ מַחְלוֹקֶת; אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ רָב הֶערְן וָואס דִי הַלָכָה אִיז, אִיז דָאס נִישְׁט קַיין מַחְלוֹקֶת. מַחְלוֹקֶת אִיז וֶוען מֶען קְרִיגְט זִיךְ אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן אוּן מֶען פַּסְקְ'נְט זִיךְ אַלֵיינְס שֶׁלֹּא עַל פִּי תּוֹרָה.

דֶערִיבֶּער אַז דוּ הָאסְט טַעֲנוֹת אוֹיף דַיין שָׁכֵן וְכוּ', זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ דַיין רָב אוּן עֶס דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים; עֶס קֶען גָאר זַיין אַז דַיינֶע טַעֲנוֹת זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אֶפְשָׁר לָאזְט אִים דִי תּוֹרָה לֵייגְן דֶעם עִירְקָאנְדִישָׁן דָארְט וואוּ עֶר הָאט דָאס גֶעלֵייגְט אוּן דוּ עֶסְט זִיךְ אוֹיף פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּטֶע אוֹיג, דוּ זָאלְסְט הָאבְּן דִי גוּטֶע מִדָּה פוּן "עַיִן טוֹב", אַז עֶס זָאל דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין וֶוען דַיינֶע שְׁכֵנִים בּוֹיעֶן אַרוֹיס בְּשְׁעַת עֶס שְׁטֶערְט דִיר נִישְׁט וְכוּ'.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ט): **"צְאוּ וּרְאוּ אֵיזוֹהִי דֶרֶךְ יְשָׁרָה שֶׁיִּדְבַּק בָּהּ הָאָדָם"**, וָואס אִיז אַ גוּטֶע מִידָּה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶעבְּן מִיט דֶעם? "רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר, עַיִן טוֹבָה", רַבִּי אֱלִיעֶזֶר זָאגְט אַ גוּט אוֹיג; שְׁטֶענְדִיג קוּקְן גוּט אוֹיף יֶעדֶעם אֵיינֶעם

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נד) אַז מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען דִי זַאךְ פוּן קוּקְן גוּט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ (שְׁמוּאֵל א טז, יב): **"יְפֵה עֵינַיִם וְטוֹב רֹאִי"**, עֶר הָאט גֶעהַאט שֵׁיינֶע אוֹיגְן אוּן אַ גוּטֶע קוּק; עֶס אִיז אַ שְׁלֶעכְטִיקֵיט פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁטֶערְן זֵייעֶרֶע שְׁכֵנִים אַרוֹיסְצוּבּוֹיעֶן וֶוען עֶס נֶעמְט גָארְנִישְׁט צוּ פוּן זֵיי.

אַ שָׁאד זִיךְ אוֹיפְצוּעֶסְן אוּן זִיךְ פַיינְט הָאבְּן וֶוען מֶען קֶען לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם עַל פִּי תּוֹרָה.




*Deadline to advertise Sunday 12:00 PM*

# קלאסיפייִדס

**ברית גמ״ח**

ווערט געזוכט א נדבן פאר א מאשין וואס
טשעקט די געלקייט פון א נייע געבוירן קינד.
רופט הערשל בוים 347-831-4727











# מעשיות פון תפילה

## שלמה זאלדאן

בני ברק

1. איך האב געבעטן אסאך תפילות אז איך זאל מצליח זיין אריבערגיין א לייסענס טעסט, וואס בדרך כלל איז נישט אזוי גרינג אריבערצוגיין ביי דעם פלאץ ווי איך האב געוואלט האבן דעם טעסט, און שכח אייבערשטער איך בין דאס אריבער מיט הצלחה.

2. איך האב געזוכט א דזשאב פאר פסח, איך האב ברוך השם געטראפן א גוטע ארבעט.

דער אינגערמאן פאר וועם איך האב געארבעט האט געזאגט אז ער באצאלט ארום 35 שקל א שעה, און אויב איך ארבעט גוט וועט ער צולייגן.

פאר פסח האט ער מיר באצאלט רוב געלט און מיר געזאגט אז נאך פסח וועט ער מאכן מער א קלארע חשבון. למעשה נאך פסח האב איך אים געדארפט נאכלויפן. האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל פארענדיגן דעם חשבון ווי אמשנעלסטן און מיר באצאלן די איבעריג וואס קומט מיר.

איין טאג האב איך אים באגעגנט און ער האט מיר געזאגט אז ער האט שוין געמאכט דעם חשבון און עס קומט נישט אויס עפעס אסאך געלט, וואס לויט מיין חשבן איז ער מיר געווען שולדיג אסאך מער ווי זיין חשבון. איך האב נישט אויפגעגעבן, נאר ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן, און שכח אייבערשטער ער האט געמאכט נאכאמאל דעם חשבון, און עס איז אויסגעקומען אז ער איז מיר יא שולדיג די געלט. און האט מיר באצאלט די גאנצע זאך.

## נח הערש ווייס

קרית ברסלב

איך האב געדארפט אריבערגיין א שווערע טעסט צו קענען דרייוון א באס, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל אדורכגיין גרינגערהייט, און שכח אייבערשטער עס איז אריבער גרינגערהייט.

## אברהם הערש וועבערמאן

קרית ברסלב

מיין טעלעפאון איז אריינגעפאלן אין די נעגל וואסער, איך האב עס גלייך ארויסגענומען און אפגעווישט, איך האב געהאפט אז גארנישט וועט פאסירן צום פאון, אלעס וועט ווייטער ארבעטן פיין. ברוך השם אז אלעס האט געארבעט ווייטער פיין, אבער נאר איין זאך האט אנגעהויבן מאכן פראבלעמען, די קנעפל וואס מאכט העכער אדער נידעריגער, האט זיך אנגעהויבן אליין צו רוקן, איך האב מיך נישט געקענט אן עצה געבן דערמיט.

אויך האט עס געשטערט פון דרוקן אנדערע קנעפלער, ווייל א גאנצן צייט קומט נאכאמאל ארויף אז יעצט ווערט די טעלעפאון שטילער.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז דאס זאל ווערן פאררעכטן ווי אמשנעלסטן, און דארפן גיין יעצט ערגעץ פאררעכטן די פאון, אדער גאר דארפן גיין קויפן א נייע. אויך האב איך צוגעזאגט צו דאס מפרסם זיין אינעם בלעטל ביי די מעשיות פון תפילה.

שכח אייבערשטער אז די פראבלעם איז אוועקגעגאנגען, און מער נישט צוריקגעקומען.

## זלמן וויזל

בראכפעלד

1. מיין ווייב האט געדארפט הערן 'ברכו', נאכן האבן א קינד בשעה טובה. איך האב געהאט א מנין נעבן מיין שטוב, עס האט אויסגעזען ווי מען גייט עס פארפאסן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל פונקט אונקמען ביי 'ברכו'. שכח אייבערשטער מ'האט אנגעהויבן צוויי מינוט שפעטער ווי געווענליך.

2. מיין ניי געבוירן בעיבי האט שמוציג געמאכט די קליידער און ס'האט אויסגעקוקט אז די פלעק גייט נישט אראפגיין. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל אראפגיין אינגאנצן, און נישט בלייבן קיין שום סימן. שכח אייבערשטער ס'איז אינגאנצן אראפגעגאנגען

3. איין טאג האט די בעיבי נישט גוט געשפירט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז זי זאל זיך שפירן גוט, שכח אייבערשטער אז זי האט אנגעהויבן שפירן בעסער.

## שמעון גאלדבערגער

בני ברק

1. ס'איז דא א געוויסע באס דרייווער וואס בדרך כלל דרייווט ער ווען איך גיי אהיים פון די ארבעט. איין טאג האב איך געוואלט אהיימפארן די זעלבע צייט, אבער מיט אן אנדערן דרייווער, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל היינט זיין אן אנדערע דרייווער, און שכח אייבערשטער עס איז טאקע אזוי געווען.

2. איך האב שטארק געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל געהאלפן ווערן מיט א געוויסע זאך וואס איך האב געדארפט פון די באנק, זיי זאלן עס געבן אן קיין פראבלעמען. שכח אייבערשטער אלעס איז אריבער בשלום.

3. מוצאי שבת, איך וויל אנצינדן דעם טעלעפאון, איך פרואביר איין מאל, און נאכאמאל אבער ס'גייט נישט. ס'איז מיר געווען א חידוש אז ס'ארבעט נישט, ווייל איך האב נישט צולאנג צוריק געקויפט דעם פאון, איז וואס גייט יעצט דא פאר מיט דעם?

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן "הייליגער באשעפער העלף עס זאל זיך יא אנצינדן אן קיין פראבלעמען". שכח אייבערשטער אז נאך אפאר מינוט האט זיך עס אנגעצונדן און געהעריג אנגעהויבן ארבעטן.

# א מעשה
## פון א צדיק



# דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל עֲגָלָה

אִין דִי צַייטְן פוּן הֵיילִיגְן חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאבְּן אַ קְבוּצָה פוּן חֲסִידִים זִיךְ פַּארְבֶּענְקְט צוּ זֵייעֶר רֶבִּי'ן, זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז מֶען גֵייט אַרִיבֶּערְפָּארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דִי חֲסִידִים הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט מִיט אַ פֶערְד אוּן וָואגְן צוּ זֵייעֶר גְרוֹיסֶער רֶבִּי'ן. אוֹיפְן וֶועג הָאבְּן זֵיי אַסַאךְ אַרוּם גֶערֶעדְט פוּן זֵייעֶר רֶבִּי, פוּן דִי שֵׁיינֶע לִימוּדִים וָואס עֶר לֶערְנְט זֵיי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אָנְקוּמֶענְדִיג אִין לוּבְּלִין הָאט דֶער בַּעַל הָעֲגָלָה גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל אִיבֶּערְגֶעבְּן זַיין קְוִויטְל פַארְן הֵיילִיגְן חוֹזֶה. דֶערְוַוייל אִיז דֶער בַּעַל הָעֲגָלָה גֶעפָארְן וַוייטֶער צוּ אַ קְרֶעטְשְׁמֶע וָואס דָארְט וֶועט עֶר קֶענֶען עֶפֶּעס עֶסְן אוּן טְרִינְקְן.

וֶוען דִי חֲסִידִים הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דָאס קְוִויטְל פוּן דֶעם בַּעַל הָעֲגָלָה, אִיז דֶער חוֹזֶה מוֹרָא'דִיג נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן דֶעם קְוִויטְל, אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "דִי נָאמֶען פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ שַׁיינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק". דִי חֲסִידִים הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם, אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם חוֹזֶה אַז דֶער אִיד אִיז אַ פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ, אַ בַּעַל הָעֲגָלָה. אַ גַאנְצֶע וֶועג קַיין לוּבְּלִין הָאט עֶר גֶערֶעדְט מִינְדֶערְוִוירְכְטִיגֶע זַאכְן, שְׁטוּתִים אוּן נַארִישְׁקֵייטְן, אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסְט פַאר אַ בַּעַל הָעֲגָלָה. אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיי זַיינְס זָאגֶענְדִיג: "זַיין קְוִויטְל שַׁיינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק".

דִי חֲסִידִים הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז עפס לִיגְט אוּנְטֶער דֶעם, זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעמַאכְט צוּ גֵיין קוּקְן וָואס עֶר טוּט יֶעצְט. זֵיי זֶענֶען אַהִין גֶעפָארְן צוּ יֶענֶעם קְרֶעטְשְׁמֶע. אָנְקוּמֶענְדִיג אַהִין הָאבְּן זֵיי אִים גֶעטְרָאפְן אוֹיפְן גַאס טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אַ גֶעהוֹיבֶּענֶע שִׂמְחָה פָארְנְט פוּן אַ חָתָן כַּלָה. זֶענֶען דִי חֲסִידִים צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט: "וואוּ קוּמְסְטוּ דָא אַהֶער? וָואסְפַארַא שַׁייְכוּת הָאסְטוּ מִיט דִי חֲתוּנָה?" הָאט דֶער בַּעַל הָעֲגָלָה זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ עֶנְק אַרָאפְּגֶעלָאזְט בַּיים שְׁטוּבּ פוּן עֶנְקֶער רֶבִּי, בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען זוּכְן אַ פְּלַאץ צוּ עֶסְן עֶפֶּעס אוּן זִיךְ אָפְּרוּעֶן אַבִּיסְל. אָבֶּער פְּלוּצְלִינְג הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן דִי גַאס אַ גֶערִידֶער, אַ חָתָן כַּלָה גֵייעֶן אַרוֹיס צוּם חוּפָּה. בִּין אִיךְ אָרוּס גֶעקוּמֶען קוּקְן דִי שִׂמְחָה. אָבֶּער מִיטְאַמָאל אִיז גֶעוָוארְן אַ קְרִיגֶערֵיי צְוִוישְׁן דִי מְחוּתָּנִים, מֶען שְׁרֵייט אוּן מֶען וֵויינְט. אַזוֹי וַוייט אַז דִי מְחוּתָּנִים ווִילְן שוֹין מְבַטֵּל זַיין דִי גַאנְצֶע שִׁידוּךְ אוּן נִישְׁט מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי חוּפָּה. בִּין אִיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן וָואס דָא הָאט פַּאסִירְט, וָואס אִיז דִי אָפְּהַאלְט פוּן מַמְשִׁיךְ זַיין דִי חוּפָּה? הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְפֶערְט אַז דִי כַּלָה אִיז אַ אָרִימֶע יְתוֹמָה, זִי הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן וָוארְט אוֹיף דִי סְכוּמִים גֶעלְט וָואס זִי הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז זִי וֶועט בְּרֶענְגְן פַאר דִי חֲתוּנָה. אוֹיף אַלֶעס הָאט מֶען מְוַותֵּר גֶעוֶוען, אָבֶּער יֶעצְט הָאט מֶען גֶעהֶערְט אַז אֲפִילוּ אַ טַלִית פַארְן חָתָן הָאט זִי נִישְׁט גֶעקוֹיפְט, אוֹיף דֶעם אִיז מֶען נִישְׁט מְוַותֵּר אוּן מִיר זֶענֶען גְרֵייט אָפְּצוּלָאזְן דֶעם שִׁידוּךְ.



וִוי נָאר דֶער בַּעַל הָעֲגָלָה הָאט גֶעהֶערְט דִי סִיפּוּר הַדְּבָרִים הָאר עֶר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען זַיין בִּינְטְל גֶעלְט וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט - פַארְדִינֶענְדִיג אַפָּאר פְּרוּטוֹת זַייעֶנְדִיג אַ בַּעַל הָעֲגָלָה, אוּן עֶס דֶערְלַאנְגְט פַאר דִי כַּלָה, זָאגְנְדִיג: "נֶעם דִי גֶעלְט צוּ קֶענֶען קוֹיפְן אַ טַלִית פַארְן חָתָן". וִוי נָאר דִי מְחוּתָּנִים הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט פוּנֶעם בַּעַל הָעֲגָלָה הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט דִי קְרִיגֶערֵיי, אוּן זֵיי הָאבְּן מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּ דִי חוּפָּה וִוי פְרִיעֶר.

דֶער בַּעַל הָעֲגָלָה זֶעעֶנְדִיג אַז אִין זַיין זְכוּת הָאט עֶר גֶעקֶענְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן רַאטֶעוֶועט אַ יְתוֹמָה פוּן וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט, הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען טַאנְצְן אוּן פְרֵייעֶן מִיט אַ גֶעהוֹיבֶּענֶע שִׂמְחָה, אוּן זֵיי בַּאגְלֵייט בִּיז דִי חוּפָּה. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען נָאכְן חוּפָּה, צוּ זִיךְ מִיטְפְרֵייעֶן מִיט דִי שִׂמְחָה, עֶר הָאט גֶעפִילְט בַּיי דֶעם שִׂמְחָה וִוי דֶער גְרֶעסְטֶע מְחוּתָּן.

דָאס אַלֶעס הָאט דֶער הֵיילִיגֶע חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזֶען בְּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעלֵיינְט דֶעם קְוִויטְל, אַז דֶער נָאמֶען פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ שַׁיינְט מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְק אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, וַוייל עֶר הָאט גֶעטוּן אַזַא גְרוֹיסֶע מִצְוָה מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס שִׂמְחָה.

(שיחות מוהרא"ש חלק ה', ערך מצוה)



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

ע"ט

## פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

**דֶעם רָשָׁע גַאנְטֶע מִיט דִי הֵיידַאמַאקְן, יִמַח שְׁמָם וְזִכְרָם, דֶערְנֶענְטֶערְן זִיךְ צוּם שְׁטָאט אוּמַאן, פִּילֶע אִידְן פוּן דִי אַרוּמִיגֶע גֶעגְנְטֶער קוּמֶען אַרַיין אִין שְׁטָאט, וֶועלְנְדִיג זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן זַיינֶע בְּלוּטִיגֶע הֶענְט. דֶער בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק רֶבִּי דָוִד חַזָן הָאט גֶענוּמֶען מִיט זִיךְ אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אוּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט זֵיי אִינֶעם הֵייל, אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן זֵיי.**

אִינְמִיטְן דִי הֲרִיגוֹת, אִיז דֶער רָשָׁע גַאנְטֶע מִיט טֵייל פוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם פֶּעסְטוּנְג פוּנֶעם גְרַאף אוּן אוֹיסְגֶערוּפְן אַז עֶר זָאל עֶפֶענֶען דֶעם טוֹיעֶר אוּן זֵיי גֶעבְּן זַיין גֶעלְט, ווייל אוֹיבּ נִישְׁט וֶועלְן זֵיי הַרְגֶ'ענֶען זַיין אֵיינְצִיגֶע טָאכְטֶער. דֶער גְרַאף הָאט גֶעזֶען אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין אַנְדֶערֶע בְּרֵירָה הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶפְנְט. זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאבְּן סֵיי וִוי גֶע'הַרְגְ'ט זַיין אֵיינְצִיג טָאכְטֶער אוּן גֶערוֹיבְּט זַיין גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן, אוּן דַאן זֶענֶען זֵיי אַנְטְלָאפְן פוּן שְׁטָאט אוּמַאן.

דֶער נָאמֶען פוּן דִי טָאכְטֶער אִיז גֶעוֶוען סָאפְיֶע, יָארְן שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער גְרַאף אַיינְגֶעפְלַאנְצְט אַ גְרוֹיסֶע גָארְטְן אִין שְׁטָאט אוּן עֶס גֶערוּפְן "סָאפְיֶע" אוֹיף אִיר נָאמֶען. דִי גָארְטְן שְׁטֵייט נָאךְ בִּיז הַיינְט אִין אוּמַאן.

נָאכְדֶעם וָואס דִי רוֹצְחִים זֶענֶען אַנְטְלָאפְן, דִי קוֹלוֹת אוּן גֶעשְׁרֵייעֶן הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטִילְט, הָאט רֶבִּי דָוִד חַזָן מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן נָאךְ גֶעוַוארְט אַבִּיסְל אִינֶעם הֵייל, אוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס פוּנֶעם הֵייל הָאט זִיךְ אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר



מוהרא"ש זי"ע באזוכט אין סאפיע פארק תשמ"ז

זֵייעֶרֶע אוֹיגְן שוֹידֶערְלִיכֶע סְצֶענֶעס; טַייכְן בְּלוּט אוֹיף אַלֶע גַאסְן, מֶענְטְשְׁלִיכֶע גְלִידֶער לִיגְן אוֹיסְגֶעוָוארְפְן אִיבֶּערָאל, הֶענְט אוּן פִּיס אוּן קֶעפּ וַואלְגֶערְן זִיךְ פוּן אַלֶע זַייטְן. זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן גֶעקְלָאגְט אוֹיפְ'ן שְׁרֶעקְלִיכְן חוּרְבָּן, אוּן זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ אוֹיפְגֶעגְרָאבְּן צְוֵויי גְרוֹיסֶע גְרִיבֶּער אוּן דָארְטְן בַּאעֶרְדִיגְט אַלֶע קְדוֹשִׁים, אַ זַאךְ וָואס הָאט זֵיי גֶענוּמֶען עֶטְלִיכֶע טֶעג.

פוּן אַזוֹיפִיל גֶע'הַרְגְ'טֶע זֶענֶען דִי גְרִיבֶּער גֶעוָוארְן וִוי צְוֵויי בֶּערְגְלֶעךְ. אוּן אוֹיף יֶענֶעם פְּלַאץ אִיז דֶער רֶבִּי גֶעשְׁטַאנֶען, צְוִוישְׁן דִי צְוֵויי בֶּערְגְלֶעךְ, אוּן גֶעזָאגְט, "דָא אִיז גוּט צוּ לִיגְן". אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דֶער צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן גֶעפוּנְט זִיךְ צְוִוישְׁן דִי צְוֵויי מַאסְן קְבָרִים.

צוּם סוֹף הָאט מֶען גֶע'הַרְגְ'ט דֶעם רוֹצֵחַ גַאנְטֶע מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן. דִי מִינִיסְטָארְן אִין פֶּעטֶערְבּוּרְג זֶענֶען גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אִיבֶּער דִי רְצִיחוֹת, זֵיי הָאבְּן גֶעשִׁיקְט נָאךְ אִים סָאלְדַאטְן מִיט אַ שְׁפִּיצְל, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז מְ'וִויל אִים מַאכְן פַאר קֶענִיג, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר מַסְכִּים גֶעוֶוען זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט דִי סָאלְדַאטְן, אוּן דַאן הָאט מֶען אִים גְלַייךְ גֶע'הַרְגְ'ט מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן.

רֶבִּי דָוִד חַזָן הָאט דַאן גֶעשְׁרִיבְּן דִי בַּאקַאנְטֶע מְגִילָה, "מְגִילַת אוּמַאן", וָואס הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִיט דִי וֶוערְטֶער "וַיְקוֹנֵן דָוִד". מְ'פְלֶעגְט דָאס לֵיינֶען יֶעדֶעס יָאר אִינֶעם גְרוֹיסְן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין אוּמַאן, אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג פוּן ו' ז' אוּן ח' תַּמוּז. (אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק ז"ל אַז עֶר גֶעדֶענְקְט אַפָּאר מָאל וָואס מְ'הָאט גֶעלֵיינְט דִי מְגִילָה אוֹיףְ אִינֶעם בְּרֶסְלֶב'עֶר קְלוֹיז אִין אוּמַאן).

**וָואס הָאט זִיךְ וַוייטֶער אָפְּגֶעשְׁפִּילְט?**
**לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה**



# גיי דיך פון דא

ישראל דוד העסקעל

אלע רענצלעך שטייען שוין ביים טיר איינגעפאקט, מ'מאכט נאך די לעצטע הכנות - א דאללער אריין ביי רבי מאיר בעל הנס. מען לויפט נאכאמאל ארום דעם גאנצן הויז מאכן זיכער אז מ'פארגעסט חלילה נישט עפעס. פארמאכט אלע סוויטשעס, אלע לייטס. מ'לויפט אריין נאכאמאל אין קאך, אין דיינינג רום. מ'קלאפט זיך די טאשן - יא די פארטעבל טשארדשער איז דא, די פאספארט איז דא.

אינדרויסן פייפט שוין די קאר ס'איז צייט צו גיין! ער לויפט שנעל כאפן אלע פעקלעך און זעקלעך, די צידה לדרך זעקל פארן פליגער און די צידה לדרך זעקל פארן קאר, ווי אויך דעם סענדוויטש ספעציעל אנגעגרייט פאר ווען מ'גייט ווארטן ביים געיט. אלעס איז דא, שכח אייבערשטער אז אלעס פיט אריין אין קאר, מ'גייט צום עירפארט ויסעו!

שמעיה איז נישט געווען סתם איינער וואס פארט צום עירפארט, שמעיה איז א מענטש וואס לאזט זיך נישט נער'ן, ער לעבט דעם לעבן אויף גאר אן אנדערן סטאנדארד ווי סתם איינער...



שמעיה איז מענטש וואס לאזט זיך קאסטן פאר די בעסערישע זאכן אין לעבן, ער פארשטייט צו יעדן אייטעם וואס קומט נאר דורך די טיר פון זיין הויז, זאל עס זיין קליידונג - שמעיה טראגט א קאסטום געמאכטע רעקל פון סחורה וואס ער האט אליינס אימפארטירט פון מצרים, אויפגעניית ביי די עלטסטער שניידער וואס זענען נאר פאראהאנען! זיין שיך?! וואס הייסט דאס איז נישט סתם שיך.... דא רעדט מען פון שיך געמאכט דורך עטליכע פאכלייט אויף גאר א הויכן שטייגער. די לעדער פאר די שיך פון ספעציעלע בהמות ס'זאל זיין גאר ווייך. און די לעדער פון די זויל פון אנדערע ספעציעלע בהמות ס'זאל זיין גאר הארט... אפילו די שיך בענדל זיינע איז געווען א מייסטער שטיק!

אזוי איז ער געווען מיט יעדע זאך אין לעבן, ער איז געווען גאר גלויביג אינעם שיטה אז געלט איז געמאכט צו ספענדן!

(מער איבערדעם קען מען הערן אויפן חוזר חזרה קעסטל אויף קול ברסלב 212.444.9191 וואו עס ווערט גאר ברייט אויסגעשמועסט די טעמע מיט אלע שיטות ארום...) נישט דווקא אז ער איז געווען אזא ווילדע עושר, נאר יעדן דאללער וואס איז אים אנגעקומען אין די הענט האט ער גראד געזען אז ער זאל "הנאה האבן" פון דעם...

און ערב שבת פלעגט ער שפענדן עטליכע שעות אויף צו איינקויפן די בעסטע און די שענסטע לכבוד שבת קודש! בלומען?! ס'איז נאר געווען איין בלומען געשעפט וואס האט זיך געקענט צושטעלן צו זיינע סטאנדארדן. ער פלעגט פארן ביזן עק שטאט, דארט איז געווען א קליין שטיל ווינקעלע געשעפט וואס אינעם בעסמענט איז פארהאן א כינעזער פלאריסט, און נאר דארט פלעגט אונזער שמעיה קויפן בלומען - ווייל שמעיה האט פארשטאנען צו א בלום!

אזוי פלעגט ער ארומפארן דעם גאנצן שטאט איינקויפן אלע מאכלים און משקאות ביי די בעסטע עקסקלוסיווער פלעצער. גאלע פון דעם געשעפט, טשאלמער קוגל, פון גאר א צווייטן. טעיק אוט און דיפס ביים דריטן. ווייטער יענעם געשעפטל דארטן קויפן די מבינים איין הערינג... גאר א גרויסער ספעקטאל פלעגט פארקומען אין פרוכט געשעפט יעדער וואך, וואו שמעיה פלעגט זיך שטעלן קלאפן וואסערמעלונע, קוועטשן מאנגאוס און שמעקן סטראבעריס... שמעיה קען מען נישט אפנער'ן שמעיה פארשטייט גאר גוט אן עסק!

פארוואס זאג איך דיר עס? ווייל יעצט פארט שמעיה אויף וועקעישאן... שמעיה פארט נישט קיין פלארידע וואו יעדער פארט... נעעע ס'פאסט נישט... ער האט נעבעך געליטן אויף די מחלה אז ער איז מוז איבערשטייגן יעדן ארום אים, אז נישט האט ער נישט געשפירט קיין שום חיות. (אן א צדיק האט מען נעבעך נישט קיין חיות אינעם לעבן, מען זוכט נאר ארומלויפן די וועלט, ווייל אפשר דארט וועל איך ווערן א צופרידענער מענטש).

שמעיה לאזט זיך ארויס צו א באהאלטענע אינזל - וואס גאר ווייניג ווייסן פון דעם - וואס געפונט זיך טיף טיף אין די וואסערן צווישן כינע און אינדיע, ערגעץ דארט איז די זאמד ווייס און די טרינקען נאס. מ'ברענגט דיר דארט ביים בארטן א פיינעם צובייס, אלע דאגות גיעבט מען א צוריס, ווייל שמעיה נעמט דעם וואקאציע גאר ערנסט. ער טרייבט נישט קיין שפאס, נאר אויף א וואקאציע ער פארט ווי ס'פאסט!

עניוועי'... יעצט זיצט שמעיה אינעם קאר אויפן וועג צום עירפארט ווי עס ווארט אים אפ א נסיעה נישט צו פארגעסן. קודם גייט ער פליען אין פורסט קלעסס [פארשטייט זיך] פאר עלף שעה [נישט ווייל ער דארף אזוי וויכטיג פורסט קלעסס, נאר ער מוז דאס טון, כדי צו קענען אויפווייזן פאר זיינע חברים אז ער האט געלט]. דערנאך גייט מען פליען מיט א קלענערע פליגער פאר נאך פיר שעה. פון דארט גייט מען פארן מיט א באן א וועג פון צוויי א האלב שעה. ביז מ'קומט אן צו






א פיצי עירפארט אין א מדינה וואס איך קען נישט נאכזאגן די נאמען, וואס פון דארט פליעט מען מיט א פיצי פליגער א האלבע שעה, און די פליגער לאנדט אויף א גרעסערע אינדזל דארט ביים וואסער, וואס פון דארט כאפט מען א שיף רייזע פון בערך א שעה און צען מינוט, ביז דעם פיינעל דעסטינאציע צום ספעציעלן וואקאציע אינזל.

שמעיה טשעקט אריין פרי און ווענדט זיך גראד צום לאונדזש וואו ער וועט זיך קענען אביסל אפריען איידערן גרויסן נסיעה... ענדליך שמעיה זיצט שוין אויפן פליגער, אלעס פארט געשמירט. ער ציט זיך אויס אויף זיין זיץ דארט אינעם ערשטן קלאס.

שעות אויף שעות זענען שוין אריבער, ער איז שוין טיף אינעם וועג אריין, ער זיצט שוין אויפן גאר קליינעם פליגער וואס פליעט פונעם פיצי עירפארט...

ער שטייט שוין ביים וואסער ער האלט שוין ביים לעצטן חלק פונעם נסיעה, ער גייט גיין פונעם גרויסן אינזל צום קליינעם אינזל. ענדליך נאכן ווארטן אפאר מינוט קומט דער שיף וואס גייט זיי פירן, די נסיעה איז שוין אט אט פארטיג ער האלט שוין ממש ביים לעצטן חלק.

דער שיף הייבט אן פארן, ס'איז נישט געווען קיין 2024 מאדעל, ס'האט אויסגעקוקט ווי ס'קומט נאך פון די סאוויעטישע צייטן - גאר אלט און אפגעריסן - אבער ס'איז נאר א קליינער וועגל נישט געפערליך.

דער שיף פארט זיך געמיטליך אויפן וואסער, ווען פלוצלינג ווערן די הימלען פארטונקלט ס'הייבט אן דינערן און בליצן געפערליך, די וואלקענעס עפענען זיך אויף און ס'הייבט אן גיין א מבול.

די ווינטן אויפן וואסער האבן אנגעהויבן ווערן שטערקער און מער מאכטפול מיט יעדער פארבייגייענדיגער מינוט, ס'איז גארנישט קיין וויצן האט שמעיה שנעל איינגעזען, דא האט זיך שמעיה דערמאנט אז ער האט אמאל געהערט א דרשה אז מען קען בעטן דעם אייבערשטן אין אידיש, ער הייבט אן בעטן דעם אייבערשטן ער זאל אנקומען בשלום. אלע אויפן שיף האבן אנגעהויבן שרייען און ווערן נערוועז, ס'איז געווען פחדים!!!

גייט נישט דורך עטליכע מינוט און ס'הערט זיך א הויכן זעץ! א ריזיגן חלק פונעם שיף האט זיך אפגעבראכן!! דער קאפיטאן רופט שנעל אויס אז דער שיף איז דערנאך! ווער עס וויל זיך ראטעווען זיין לעבן קען פרובירן צו שווימען צו א דערנעבנדיגע אינזל!

שמעיה האט א כאפ געטון א שטיקל פונעם שיף און אזוי פרובירט צו מאכן א פראוויזארישע שיפל. ער איז אביסל געפארן מיט דעם, אבער אויך דאס האט זיך איבערגעבראכן, און שמעיה טרעפט זיך שווימען און א ריזיגע שרעק אנווארפנדע וואסער, וואס זעט אויס ווי עס האט נישט קיין סוף.

ער שווימט און שווימט און שפירט ווי די כוחות לאזן זיך אים שוין אויס, ווען פלוצלינג באמערקט ער א קראקעדייל פון די ווייטנס, ער באקומט פרישע כוחות און שנעל שווימט ער אוועק, קוים אויסמיידנדיג דעם שרעקעדיגע פארציקנדע חיה...

אזוי נאכן שווימען א לענגערע צייט צווישן שארקס מיט קראקעדיילס



שפירנדיג יעדער מינוט ווי אט לאזן זיך זיינע כוחות אויס, און גייט זיך חלילה דערטרינקן, הייבט ער אויף זיין קאפ און פון דערווייט דערזעט ער א אינזל!

מיט פרישע כוחות, מיט די נשמה אין די הענט, מיט די לעצטע אטעם, שווימט ער צו צום אינזל, ער קען עס נישט גלייבן - שכח אייבערשטער ער האט עס געמאכט! ער איז דא אויף די יבשה. ער נעמט איין א טיפע אטעם און איז זיך מתבונן אין חסדי השם ווי גוט דער אייבערשטער איז צו אים ער האט עס דורכגעלעבט!!

אזוי שטייענדיג דארט - דאנקענדיג דער אייבערשטן אויף די גרויסע חסדים, קומען צו אפאר קליינע שרצים'לעך / אינזל מענטשן, צו גיין און הייבן אן שרייען אויף אים: "איר זענט נישט וועלקאם דא, איר קענט דא נישט זיין, גייט אייך פון וואנעט איר זענט געקומען..."

דער שמעיה קוקט זיי אפילו נישט אן.... פון וואנעט איך בין געקומען?! איך גיי נישט צוריק צו די פארפרוירענע רוישיגע וואסערן אנגעפילט מיט חיות טורפות... דו דארפסט מיר נישט? דו מוזט מיר נישט דארפן, איך דארף די פלאץ ווייל איך מוז לעבן!

****

מ'ווערט מקורב צו א צדיק, מ'קומט אן אין היכל הקודש צום רבי'ן, פלוצלינג ס'הייבט אן קומען רוישיגע כוואליעס וואס ווילן אים נאך איינשלינגן. ער הייבט אן אריבערגיין חלישות הדעת מיט מניעות, יעדער האט זיך זיינע וואסערן וואס ער גייט אריבער...

אבער א געדאנק צוריקצוגיין צו פאר דעם קומט אפילו נישט אריין... גיין וואו?

צוריק צו שלעגן און עגדעסן? צוריק צו א וועלט אן א ראש ישיבה? אן די זיסע לעכטיגע עצות פון רבי'ן?

איך האב געטראפן לעבן, דו דארפסט מיר יא, דו דארפסט מיר נישט, איך דארף דעם רבי'ן, ווייל אן דעם בין איך שוין לאנג דערטראנקן.

איך גיי נישט יעצט קוקן וואס יעדער קלייניער נער זאגט, מ'האט יא געהאלטן, נישט געהאלטן, אז דיר געפעלט עפעס נישט, קענסטו צוריק גיין צו די קראקעדיילס, איך בלייב דא, דעם רבי'ן לאז איך נישט אפ, זאל זיין וואס זאל זיין!

שכח אייבערשטער אז מיר זענען מקורב צו א פלאץ וואס געבט אונז לעבן. שכח אייבערשטער פאר די לעכטיגע לימודים וואס דער ראש ישיבה לייגט אין אונז אריין. שכח אייבערשטער פאר נאך א טאג וואס מיר זענען זוכה צו קענען זיין אין היכל הקודש. אייבערשטער העלף מיר זאלן דעם רבי'ן קיינמאל נישט אפלאזן!

אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!



# גארנישט געטון היינט

מ. ש. ירושלים

די זון האט אירע ערשטע שטראלן געשיקט,
א פרישע טאג שטייט ביים שוועל.
כיך אפגעגאסן, אנגעטון אויפן זייגער געבליקט,
עס איז שפעט "קינדער אויפשטיין שנעל".

מען זוכט א פאסיגע שידוך פאר דעם קינד׳ס שיך,
אפאר היימישע קעפ פארקעמען.
קינדער לויפט׳ס ארויס צו די באסעס גיך,
די בעיבי צו די בעיביסיטער נעמען.

אנגעקומען צו די ארבעט מיטן נשמה אין האנט,
אפאר ווערטער צום אייבערשטן פראבירט דארט צו זאגן.
אבער די ווערטער פליסן נישט פונקט ווי געפלאנט,
אהיימגעלאפן שנעל עפעס אניאגן.

קומט אהיים, ס׳טוט זיך... אלעס איז איבערגעדרייט,
שיילט גרינצייג, צושניידט, שטעלט די טאפ אויפן פלאם.
ברוך השם שוין דא עפעס צוגעגרייט,
אייבערשטער לייג אריין אין די עסן א גן עדן טעם.

פאר איין מינוט געטראכט צו כאפן א דרימל,
די קינדער זענען אנגעקומען אהיים! מען קען פארגעסן.
פינעף מיילער רעדן אויפאמאל, מחפ א טומל,
פיטערט און יעדן מיט קרעפטיגע עסן.

באדן, טוט יעדן אן פידזשאמע׳ס, שיקט אריין אין בעט,
דעקט צו גוט, ליינט קריאת שמע, א מעשה פארציילט.
עסן פארן מאן און אפאר גוטע ווערטער געבעט,
דערנאך צו מעריב אים באגלייט.

סארטירט די שמוציגע וועש, קאלירט, שווארץ און ווייס,
שטעלט וואשן, טרוקנט, לייגט צאם, פאקט אוועק.
נייט צו די קליידער וואס האט זיך געגעבן א צורייס,
ביגלט א בארג העמדער וואס האט נישט קיין עק.

אין קאך גייט אריין פאקט אלעס צוריק,
וואשט געשיר, ריינגט די טיש, די ערד פארווישט.
צו די זייגער נאך חצות שיקט א דערשראקענעם בליק,
באדט זיך, גרייט זיך און, די מזוזה קושט.

גרייט און נעגל וואסער, ליינט קריאת שמע, אין בעט אריין,
שוין באלד צופרי לאמיר א קליין שלאף טון.
הארציגע מאמע איין זאך וויל איך פארשטיין,
פארוואס פון אינמיטן שלאף רופסטו זיך און:

**היייליגער באשעפער איך האב היינט גארנישט געטון!!!**

**(ווארט אויף א ענטפער!)**





# מעשיות פון תפילה

משפחת קסטיג
צפת

איך בין געגאנגען מאכן א פאספארט פאר מיין זעקס יעריגער אינגל, כדי צו קענען פארן קיין אומאן ראש השנה.

מיר זענען געגאנגען צום אפיס אָן צו באשטעלן אן אפוינטמענט פון פאר דעם, ווייל געווענליך אינדערפרי לאזט מען אריין יעדן איינעם. למעשה ביים אנקומען האט מען אונז נישט אריינגעלאזט.

מיר האבן זיך גענומען בעטן דעם אייבערשטן און געזאגט תהילים אז מען זאל אונז יא אריינלאזן. ביזדערווייל איז אונז בייגעפאלן צו גיין ביי א קיאסק, קוקן אויף זייער וועבסייט ווען עס איז דא די קומענדיגע אפוינטמענט, און מיין מאן האט טאקע געזען אז אין פופצן מינוט ארום איז דא אוועילעבל. שכח אייבערשטער אז מען האט אונז טאקע אריינגעלאזט און געקענט מאכן די פאספארט.

ל. וועבערמאן
קרית ברסלב

מיין בעבי האט זיך צוגעוואוינט שלאפן אויפן רוקן, וואס דורכדעם האט פאסירט אז די קאפ איז געווארן פלאך. אזוי אויך די האר האט נישט געוואקסן געהעריג אויף דעם פלאץ.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן זי זאל אנהייבן שלאפן אויף די זייט אדער אויפן בויך, שכח אייבערשטער זי האט אנגעהויבן שלאפן אויף די זייט, און נאך א שטיק צייט האב איך טאקע געזען אז די קאפ ווערט בעסער און די האר הייבט אן צוריק וואקסן.

ח. יעקאבאוויטש
קרית ברסלב

1. איך האב זייער שטארק געדארפט בייקס פאר מיינע קינדער, איך האב געהאט איין צובראכענע בייק, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איינער זאל דאס קענען פיקסן, און אזוי אויך זאל איך קענען האבן נאך א בייק. שכח אייבערשטער אז מען האט דאס געפיקסט און אזוי אויך האט מען געטראפן נאך א בייק צו קויפן פאר ביליג.

2. איך האב זייער שטארק געוואלט האבן FLOAFERS פאפאטש פאר מיין מיידל וואס קאסט זייער טייער צו קויפן א נייע, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען טרעפן גוטע, פאר א פיינע פרייז, איין טאג בין איך געווען ביי איין סטאר וואס פארקויפט די זאכן, און שכח אייבערשטער איך האב דארט געטראפן פאר ביליג גוטע פאפאטש.



845-379-1161
136 Huschke Rd Hurleyville NY 12747
Breslevofficeliberty@gmail.com



# Shwarma

BY: S. BAUM

## INGREDIENTS:

- CHICKEN NUGGETS
- OIL
- SOUP MIX
- SHWARMA SPICE
- FROZEN GARLIC

## DIRECTIONS:

1 LB STIR FRY CHICKEN NUGGETS

1/4 CUP OIL

1/2 1 TBSP CONSOMME SOUP MIX

1 TBSP SHWARMA SPICE

1 CUBE FROZEN GARLIC

MIX ALL INGREDIENTS IN A BOWL. ADD CHICKEN NUGGETS. SET ASIDE TO MARINATE FOR 1 HOUR. COOK IN A POT ON MEDIUM FLAME 25-30 MIN MIXING EVERY FEW MIN.

# סעודה מיטן ראש ישיבה

## סעודת שבת קודש אינדערפרי

## פרשת בחוקותי תשפ"ד

איבערגעגעבן דורך החתן לוי יצחק הורוויץ - תלמיד הישיבה
באשריבן און באארבעט דורך הבחור נפתלי הירצקא וואללנער - תלמיד הישיבה



שכח אייבערשטער איך האב געהאט די זכי' צו עסן א סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א שבת אינדערפרי פרשת בחוקותי. איך וועל מיטטיילן מיט די קרית ברסלב בלעטל ליינער געציילטע פונקטן וואס איך האב ארויסגענומען פונעם אינהאלטסרייכן שבת סעודה.

### אינטערן שאטן פונעם בוים

אויפן וועג אהיים פון בית המדרש האט די זון פיין געבאקן, אינמיטן ווען מען איז מען דורך א שאטן פון א בוים האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן צו זיינע קינדער אז אונטער א בוים איז גוט און געשמאק. דאס לערנט אונז אז ווען מען האט א צדיק דעמאלט איז גוט, ווייל א בוים איז מרומז אויפן צדיק, אבער אן א צדיק איז זייער הייס , און מען ווערט פארברענט פון די ברענדיגע יצר הרע.

### פרייליך מאכן אין שטוב

ווען דער ראש ישיבה איז ארויף די טרעפ צו זיין הויז האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן צו איינע פון זיינע קינדער: "ווען דו גייסט ארויפקומען אויף יענע וועלט וועט מען ארויפלייגן אויף די וואגשאל יעדע מאל דו גייסט ארויף און אראפ זיבן שטאק שבת".

ביים אריינקומען אין שטוב האט דער ראש ישיבה הויעך אויסגערופן 'גוט שבת גוט שבת'. אזוי אויך האט דער ראש ישיבה זייער פרייליך געמאכט אלע קינדער. דער ראש ישיבה האט געבעטן איינע פון די געסט - א בחור פון ארץ ישראל - אויסצולערנען עטליכע אראבישע ווערטער פאר זיינע קינדער, וואס זיי האבן דערנאך פרובירט עס נאכצומאכן... עס איז געווען משונה פרייליך.

דער ראש ישיבה האט געמאכט קידוש און אויסגעטיילט פאר יעדעם פון די קידוש וויין, און דערנאך געוואשן די הענט פון זיינע קינדער, נאך המוציא האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן הויעך אויפן קול 'מאמי די קינדער האבן געדאווענט הערליך שיין'.

### קנאבל מסוגל לאהבה

ביים לייגן די טעמעטא דיפ אויפן טיש האט דער ראש ישיבה געזאגט אז די וואך שטייט אין קונטרס 'עצתו אמונה' וועגן טעמעטא דיפ, די קינדער האבן זיך גענומען זוכן וואו עס שטייט אבער זיי האבן נישט געקענט טרעפן, ביז דער ראש ישיבה האט זיי געוויזן די בריוו ווי עס שטייט פון הייליגן רבי'ן אז שום - קנאבל, איז מסוגל אויף אהבה - זיך ליב צו האבן און צו ליב האבן יעדעם איינעם, און ליב צו האבן דעם אייבערשטן.

### אנרירן מקצה זאכן

אינמיטן די סעודה האבן איינע פון די קינדער אנגערירט די לעכט, ווייל ער האט געהערט זאגן אז א מוקצה זאך מעג מען אנכאפן אויב מען ריקט עס נישט, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז נאר גרויסע זאכן מעג מען אנרירן, אבער קליינע זאכן שאקעלט זיך אפילו מען רירט עס נאר אן. איינע פון די קינדער האט אראפגענומען די הויט פון די פיש, האט אים דער ראש ישיבה מעורר געווען אז עס הייסט קלויבן און ער זאל אכטונג געבן אויף הלכות שבת.

# ביידע זאגן די זעלבע 'שמע ישראל' איז פארוואס דארף מען זיך קריגן?

### נאך א וועג אין הפצה

דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינע פון די בחורים אויב ער גייט הפצה, האט ער געזאגט אז חוץ ארומגיין און מפיץ זיין פאר אידישע קינדער, האט ער נאך אן אינטערעסאנטע זאך וואס ער טוט, ער זיצט למשל ביי א שמחה נעבן א צווייטע ברסלב'ע בחור, און ווען ער באמערקט אז עס זיצן נאך מענטשן ארום אים און הערן זיך האלבוועגס אונטער די שמועס, הייבט ער אן צו רעדן הויעך צו זיין חבר "זאלסט וויסן אז וואס דו דארפסט זאלסטו נאר בעטן פונעם אייבערשטן, און דו זאלסט אלעס דערציילן דעם אייבערשטן". האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן אויף דעם אז אויך דער הייליגער רבי רבי אלימלך פון ליזענסק זי"ע ווען ער האט געוואלט איינעם מוסר זאגן האט ער עס געזאגט הויעך פאר זיין ברידער דער הייליגער רבי רבי זושא זי"ע אז יענער זאל שוין אליין הערן און תשובה טון.

### לכבוד שבת קודש

איינע פון די קינדער האבן געפרעגט דער ראש ישיבה אז אויב ער וועט זאגן פופצן מאל 'לכבוד שבת קודש' צו עס ווערן יעצט באשאפן פופצן מלאכים? האט דער ראש ישיבה אים געענטפערט: "זיכער אזוי"! און דער ראש ישיבה האט דערציילט די מעשה פונעם הייליגן רבי נתן זי"ע אז מען איז אים געקומען דערציילן אויף איינע פון די צדיקים וואס איז בלינד געווארן ווייל יעדע מאל מען זאגט 'לכבוד שבת קודש' ווערט באשאפן א מלאך, האט זיך רבי נתן אנגערופן: "יא יא דאס איז אמת אז יעדע מאל מען זאגט לכבוד שבת קודש ווערט באשאפן פון דעם א מלאך".

### ביידע זאגן שמע ישראל

מען איז אריין אין א שמועס וועגן צדיקים וואס האבן נישט געהאט קיין השגה אין הייליגן רבי'ן, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "מיר זעען דאך אז ראובן און שמעון האבן נישט געהאלטן פון יוסף הצדיק, און דאך זענען זיי געווען צדיקים. אזוי אויך זעט מען אז רבי יהודה האט געהאלטן אנדערש ווי רבי שמעון בר יוחאי, ער האט יא אויסגעלויבט די קעניגרייך פון רוים, אזוי ווי עס ווערט דערציילט אין גמרא, מיט דעם אלעם איז ער נאך אלס א צדיק, און ווי עס שטייט אז 'מעשה בחסיד אחד' אין גאנץ ש"ס איז דאס רבי יהודה, עס טאר נישט שטערן די זאכן, מען טאר נישט האבן קיין חלישות הדעת פון דעם.

שפעטער האט מען געזינגען 'שבת היום' מיט א ניגון פון א געוויסער חסידות, האט זיך איינער אנגערופן אז ביידע קהילות פון די חסידות זינגען די זעלבע ניגון אויף די זמירות, האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן אז ביידע זאגן אויך די זעלבע 'שמע ישראל' איז פארוואס דארף מען זיך קריגן? פארוואס דארף מען זיך פיינט האבן?

דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז ער האט געפרעגט א אינגערמאן וואו ער דאווענט שבת ווען ער גייט צו זיין טאטע, האט ער געענטפערט אז שבת ביינאכט דאווענט זיין טאטע ביים בית המדרש פון די קהילה, און שבת צופרי דאווענט ער אריבער די גאס ביי די אנדערע קהילה, און ער איז דער איינציגסטער פון די גאנצע חסידות וואס טוט אזוי!

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ער האט געטראפן א גרויסע ראש ישיבה אין לופטפעלד אויפן וועג קיין ארץ ישראל, דער ראש ישיבה האט געשמועסט מיט אים מיט א געוואלדיגער חביבות. שפעטער זענען די גבאים פון יענע ראש ישיבה צוגעקומען צו אים און זיך אנגערופן: "גבאים זענען מיר פון דעם ראש ישיבה, אבער חיזוק באקומען אונז פון דער ראש ישיבה"...

### שמאל דוחה וימין מקרבת

מען האט ארומגערעדט וועגן די חתונות אין ישיבה, האט א בחור - וואס מאכט די מוזיק ביי די חתונות - פארציילט אז א אינגערמאן איז צוגעקומען צו אים און זיך מורא'דיג באדאנקט, ער האט פארציילט מיט ווייטאג אז ער אליין האט יעצט בר מצוה געמאכט, און די נאכט אליין האט אים אפגעקאסט גאנצע 20,000 דאלער! ה"י.

דער ראש ישיבה האט פארציילט פאר די קינדער די מעשה מיט די זיבן בעטלער'ס, ער האט געוויזען פאר יעדן די בילדער. דער ראש ישיבה האט עס געמאכט זייער אינטערעסאנט מיט מאדנע קולות, אז די קינדער זענען ממש געשטאנען פארגאפט.

עס איז צו באמערקן אז דער ראש ישיבה איז פון איין זייט שטארק אראפגעלאזט צו די קינדער און עס הערשט א פרייליכע גוטמוטיגע לופט אינדערהיים, אבער אין די זעלבע צייט איז דער ראש ישיבה שטרענג צו די קינדער, ממש אומבאשרייבליך די שמאל דוחה וימין מקרבת ווי אזוי דער ראש ישיבה איז מחנך די קינדער.

פארן בענטשן האט דער ראש ישיבה געזינגען 'בר יוחאי', 'ואמרתם כה לחי' און 'פתחו לי שערי צדק'. דער ראש ישיבה האט געטאנצן מיט די קינדער, עס איז געווען זייער פרייליך.

דער ראש ישיבה האט מכבד געווען הבחור אשר זאלקא הכהן ראנד נרו יאיר צו בענטשן על הכוס, נאכן בענטשן האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די בחורים וואס האבן דארט געגעסן אז זיי זאלן אויפרוימען.

שכח אייבערשטער אז איך האב געקענט מיטהאלטן אזא שיינע סעודה פון וואס מען קען ארויסנעמען אסאך נוצבארע עצות ביי זיך אין שטוב.

**א פרייליכן שבת**

קינדער בלעטל



# רפואה שלימה

## טייערע חבר

שיקט אריין אייערע מעשיות פון תפלה צום נייעם אפטיילונג **קינדער דערציילן!**

# מעשה'לעך פאר קינדערלעך

## זָאגְן תְּהִילִּים מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, אַמָאל זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי נָאנְטֶע חֲבֵרִים, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַז וֵוי צוּגֶעבִּינְדְן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן אַז זֵיי הָאבְּן פָּשׁוּט נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין אֵיינֶער אָנֶעם צְוֵוייטְן. אֵיינְמָאל אִיז אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי חֲבֵרִים זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן לֹא עָלֵינוּ, וֶוען זַיין חַבֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין חַבֶר: "וָואס קֶען אִיךְ טוּן דוּ זָאלְסְט וֶוערְן גֶעזוּנְט?" הָאט אִים זַיין חַבֶר גֶעזָאגְט: "זָאג תְּהִילִּים פַאר מִיר"; הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ תְּהִילִּים אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען זָאגְן מִיט תְּמִימוּת תְּהִילִּים אוּן נָאךְ יֶעדֶע קַאפִּיטְל תְּהִילִּים וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט זַיין חַבֶר אוֹיבּ עֶר שְׁפִּירְט שׁוֹין בֶּעסֶער, הָאט דֶער חַבֶר גֶעזָאגְט: "נַיין, אִיךְ בִּין נָאךְ זֵייעֶר שְׁוַואךְ", אִיז עֶר אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶענוּמֶען דֶעם תְּהִילִּים אוּן גֶעזָאגְט נָאךְ אַ קַאפִּיטְל תְּהִילִּים מִיט גְרוֹיס גֶעוֵויין, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֵייל אוֹיס מַיין חַבֶר", נָאכְדֶעם אִיז עֶר וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן זַיין חַבֶר צִי עֶר אִיז שׁוֹין אַ וֹויסְגֶעהֵיילְט, הָאט דֶער חַבֶר גֶעזָאגְט: "נֵיין, אִיךְ בִּין נָאךְ אַלְץ זֵייעֶר שְׁוַואךְ", אַזוֹי הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעזָאגְט תְּהִילִּים אוּן נָאךְ יֶעדֶע קַאפִּיטְל אִיז עֶר נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן זַיין חַבֶר, אוֹיבּ עֶר שְׁפִּירְט שׁוֹין גוּט, בִּיז דֶער חַבֶר אִיז אַ וֹויסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז וָואס הֵייסְט זָאגְן תְּהִילִּים מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, אַז גְלַייךְ וֶוען מֶען זָאגְט אַ קַאפִּיטְל תְּהִילִּים זָאל מֶען פְרֶעגְן דֶעם חוֹלֶה צִי עֶר אִיז שׁוֹין אַ וֹויסְגֶעהֵיילְט, אוּן אוֹיבּ עֶר זָאגְט אַז נִישְׁט זָאל מֶען נָאכְאַמָאל נֶעמֶען דֶעם תְּהִילִּים אוּן זָאגְן נָאךְ קַאפִּיטְלֶעךְ, אָן קַיין חָכְמוֹת, נָאר מִיט אֱמוּנָה אַז בִּזְכוּת דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִּים וֶועט דֶער חוֹלֶה הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.




## זָאגְן תְּהִילִים מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי האט געזאגט: ״אדער א נסיון, אדער א בזיון!״

## ברסלב'ע חידות

**דער הייליגער רבי נתן האט אמאל געזאגט: יענע וועלט איז _____ און מען קען זי _____ באקומען**

א. מעגליך
ב. האלבוועגס
ג. נישט
ד. יא

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי נתן האט אמאל געזאגט: ״די וועלט איז נישט און מען קען זי נישט באקומען!״

## און די געווינער איז...

געווינער פון פאריגע וואך:

**שרה קורדובו תחי' - ביתר עלית**

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**ח. מִי שֶׁנֶּאֱבַד לוֹ אֵיזֶהוּ דָּבָר, בְּיָדוּעַ שֶׁנָּפַל מֵאֱמוּנָתוֹ.**

וֶוער עֶס פַארְלִירְט עֶפֶּעס, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן זַיין אֱמוּנָה.



# שרייב טישל

## טרעף די וועג

**טרעף די וועג ארום צו פליען מיט דיין בייק!** (נאר ווען די מאמע לאזט...)

↓



↓



## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ד | א | ט | מ | כ | פ | מ | א | ב | ע | ר |
| ד | צ | ו | כ | י | ר | ה | ע | ל | פ | נ |
| ז | א | כ | י | ז | א | י | נ | נ | ג | ע |
| ב | ג | ד | ז | ב | ד | ו | נ | י | ד | ג |
| ל | ע | ו | א | ג | ס | ע | י | י | א | נ |
| י | ב | מ | ל | ע | ק | ז | ח | ס | ר | ע |
| י | נ | ה | ט | נ | נ | ס | י | ע | פ | ר |
| ב | י | ר | ע | ע | ע | ו | י | י | ת | ב |
| נ | ב | ד | מ | ש | פ | י | ל | נ | ט | ר |
| ח | ע | נ | ע | מ | ז | מ | א | מ | ע | א |
| ג | א | י | ז | ש | פ | י | ל | נ | מ | פ |
| נ | ע | ו | נ | ו | א | ר | מ | ט | י | ע |
| א | ז | ז | נ | ב | ק | ע | א | ס | ט | נ |
| י | ש | ט | ו | ב | נ | ק | י | ד | ע | ז |
| נ | כ | ט | א | נ | ע | ט | י | מ | ב | ע |
| ס | ש | א | מ | י | ט | ק | ס | ע | ל | א |
| ב | ל | י | י | ב | נ | ל | י | י | ג | נ |

מען דארף טאקע שפילן און מען דארף פ;ארברענגען מיט חבר'טעס, עס איז זייער געזונט זיך אויס צו געבן מיט שפילן וכדומה, אבער מען דארף געדענקען אז אויב די מאמע בעט מען זאל בלייבן אין שטוב העלפן דארף מען אלעס לייגן אין די זייט און בלייבן אין שטוב

*(עצתו אמונה לב לב תשע"ט)*

# גמאלן

א מעשה פון תפלה



אִיךְ וִויל אַזוֹי
שְׁטַארְק מַאכְן
אַ דֶעי קֶעמְפּ



אֵייבֶּערְשְׁטֶער
הֶעלְף אִיךְ
זָאל קֶענֶען
מַאכְן



שְׁכֹּחַ
אֵייבֶּערְשְׁטֶער
ס'אִיז פֵיין
גֶעלוּנְגֶען

געמאלן דורך:
טובי מינצבערג



לַ"ג בָּעוֹמֶר:
אִיךְ וִויל זַיין בַּיי
רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין
מִירוֹן, אָבֶּער
מֶען לָאזְט
נִישְׁט אַרַיין.



אֵייבֶּערְשְׁטֶער
הֶעלְף אִיךְ זָאל
נָאךְ קֶענֶען גֵיין



שְׁכֹּחַ
אֵייבֶּערְשְׁטֶער
נָאךְ לַ"ג בָּעוֹמֶר
זֶענֶען מִיר
גֶעפָארְן קַיין
מִירוֹן

געמאלן דורך:
חוה לאה פערל

# קינדער דערציילן

מעשיות פון תפלה

## טייערע קינדער:

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף לייגן מיר צו א נייע ווערכנטליכע אפטיילונג מיטן נאמען:

"קינדער דערציילן מעשיות פון תפלה"

האט איר געהאט א שיינע מעשה פון תפילה? שיקט עס אריין צו די מערכת דורך אריינרופן:

845-379-1161

*פון ניין יאר און העכער

# קליין און פיין

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM


נפתלי העסקעל. א ברידש




חיה וועבערמאן



יוסף פרידריך


מרדכי אינדיג


אליעזר שלמה אפפעל


יונתן לעסער


חיים צבי, אליעזר שלמה סאפיר

# דער אוצר אויפן באן 3

דאס לעבן און שאפן פון מוהרא"ש זי"ע




געוומען מיט רשות פון ע'ר ברסלב

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



סיום הש"ס פון מו"ה שמחה בלאק הי"ו אין היכל הקודש לאנדאן








מאגנעטן און קאר שמעקערס ווערן פארשפרייט אין אלעד



וואכנאכט ביי מו"ה שמואל ווייס הי"ו אין בארא פארק



ברית להילד אליעזר שלמה נ"י בן
מו"ה שמעון אביש הי"ו



תנאים פון החתן יעקב סאמעט ני"ו




דער ראש ישיבה וואונטשט מזל טוב פאר
מו"ה שלמה וויינבערגער הי"ו צום שידוך שליסן
פון זיין טאכטער למזל טוב

קרעדיט: יוסי פרערויא



הרב אברהם העניך פיעטרקובסקי שליט"א רב פון בית
הרפואה רמב"ם חיפה אין א שמועס מיטן ראש ישיבה שליט"א

קרעדיט: יוסי פרערויא












**חומש סעודה אין תלמוד תורה אין שטעטל - א' שלה תשפ"ד**





אפשערן און חדר פירן פון הילד בן מו"ה נחמן נתן בוים הי"ו




טאוול מיטן נאמען פונעם נדבן ארויפגעלייגט ביים בית המדרש אין מחנה אילן החיים

קרעדיט: אייזיק אפפעל



הגאון רבי משה וואלפסאן זצ"ל



געטרייע מפיצים זענען מפיץ ביים לוי פון הגאון רבי משה וואלפסאן זצ"ל

קרעדיט: יעקב שאול פיש






SHIRTS | PANTS
BELTS | SOCKS
PAJAMAS
UNDERWEAR
TIGHTS | LINGERIE
DIAPERS | ONESIES
BIBS | RAIN COATS
SWIMWEAR
TERRY ROBES

Delivering all dry goods for the
family to the entire Catskills region

# WE'RE ON THE WAY TO YOU

845.747.5552
1619 Rt. 52

DRY
GOODS

**Hours** Sun. - Thurs. 10:30-6:00 Fri. 10:30 - חצות

dimcreatives.co